י. פרידמאן, 1, 142.

1972 " דער לובלינער רב הויזט אויפן מארק! |...| איר
679 וועט קענען ביי מיר הויזן, ווי לאנג אייער הארץ
וועט גלוסטן".
צאנין, 3, 200.

2. צוזאמענלעבן, לעבן בשלום, אויסקומען איינער מיטן אנדערן.

% __הויזן מיט עמעצן__. די צוויי ווייבער קאנען ניט __הויזן__ איינער מיט דער אנדערער, גאר זיין קריגן זיך צוליב יעדער נארישקייט.

1886 " |...| ביי אט אזעלכע אומשטענדן האט דער איידעם נישט געקאנט __הויזן__ מיטן שווער". 671

__שלום=עליכם, 31, 70.__

|1926 - 1931| " וואס עפעס |ביסטו געקומען אהער|, אין מיטן דערינען, תכשיט מיינער? - כ׳האב נישט געקאנט __הויזן__ מיטן זיידן!". 695

__אפאטאשו, 10, 27.__

3. (__פיג__) קאעקזיסטירן, זיין א ינס לעבן/מיטן אנדערן, ביינאנד. (מיט)שטימען.

1917 " דערמיט האבן מיר סקיצירט אלע וויכטיקסטע

696 פראגראמען, וואס וואקסן ארויס פון יענער טעאריע,

אז דער נאציאנאליזם |...| קאן ניט הויזן מיט דער [illegible]

קלאסן=פאליטיק פון דעם פראלעטאריאט".

זשיטלאווסקי, 6, 111.

1958 " אין ראלניקס ערשטע 25 לידער הויזן בייגאנד אי

689 די תקופה און אי דער שפעטערדיקער ראלניק".

ביקל, 1, 228.

4. (נאר רעג גאליציע?) גיבן עמעצן א וווינונג, לאזן וווינען.

1932 " מיר |...| האבן דיך געשפייזט, געהויזט, געקליידט |...|",

673 נאדיר, 4, 144.

ם הויזן.

-----> 1.

1610 " אוישי וויניג צו דעם גיצעלט: ער טאר ניט |...|

676 בייא זיינם ווייבא הויזן".

טייטש=חומש, ויקרא, יד - ח.

.2 <----

1692 " דרום האבן זיא גויות אויף גינומן אונ' האבן די

686 ישראלת לאזן פר זיצן אז איין אלמנה חיה אונ'

האבן גיהויזט מיט דעך גוית".

ס' המגיד, 2, ב - יג.

ה ו י ז ן = ;,, – באשטימטייל פון צונויפהעפטן, מיטן באטייט: פון הויזן, שייכדיק צו הויזן.

% <u>הויזנקנעפל</u>, <u>הויזן=קעשענע</u>.

...~ = הויזן – הויפּטטייל פון צונויפהעפטן, ווו. דער באשטימטייל כאראקטעריזירט דעם מין הויזן.

% אונטערהויזן, ארבעט=הויזן, ברייטשעס=הויזן, רייטהויזן.

1970 " |...| מען בעט נאך אלץ פון קראקע קודם=כל ארבעטסהויזן!"

668 יזב 15, 132.

1971 " |...| שווערער ווייבערישער שוך |...| מיט דעם

668/1 ווייסן אונטערשלאק, וואס דערמאנען איך זיין

בעל=הביתטעס בארכענע אונטערהויזן".

1972 " |...| דער גרינער מונדיר, מיט די הארטע שטיוואלעס,

668/2 מיט |...| די ברייטע ברייטשעס=הויזן".

ראזענפארב, 1, 567.

ה ו י ז ן = א ר ב ל - דער, =ען. איין העלפט פון די הויזן,
די וואס ציט זיך אן אויף איין פוס; קאלאשע, נאגאווקע.
% די הויזן זענען שלעכט געמאכט: איין הויזן=ארבל איז
קירצער פון צווייטן.
634 1956 " |...| מיט לייריקע הויזן=ארבל".
גלאטשטיין, 1, 150.

ה ו י ז נ ב ל א ז I - די/דער, =ן. (עלט).

1. די בלאז (פענכער) פון דעם פיש הויזן (ווסג דייטש אויך:

2.פישקליי (געמאכט פון דער בלאז פון הויזנפיש.

1885 " הויזנפיש, לאנג 13 איילן, מען פאנגט אים אין דער וואלגע.

640 |...| פון זיין בלאז וואכט מען א קליי, וואס הייסט הויזנבלאזן".

אנ, דער פראצעס, 1, ז׳ז 67 - 68.

ה ו י ז ב ל א ז ן II - מצ, די. מין טייג=מאכל, געגוייער

זען ציטאטע.

1895 " הויזנבלאזן דאס איז מען קנעט טייג א יס אייער |?|

639 און מען וואלגערט אויס דין און מען צעשניידט אויף

שטיקלעך און מען פרעגלט אין א סך אייל, מאכט מען מזונות".

אנ, ס' מקור הברכה I, דף י"ט.

ה ו י ז נ ב ע נ ד ל - דאס, =ער. בענדל ארומצוגארטלען די הויזן, זיי זאלן זיך האלט.

% ער האט פארלוירן דעם פאסעק, האט ער די הויזן בארגארטלט מיט א הויזנבענדל.

ה ו י ז נ ב ר ע ט ל - דאס, =עך. (שניידעריי)

א ברעטל איך א ספעציעלער פארעם צו פרעסן הויזן.

ה ו י ז ן =(א ל ט ע ר - דער, =ס.

1. דזוו שעלקעס.

2. א סטאניק ביי קינדערשע הייזלעך |מארק וב 1170|.

ה ו י ז ( ן ) ה אַ ק ן - דער, =ס. קלאמרע צו פארשפיליען
די הויזן ביים גארטל |סטוטש 526|.

ה ו י ז נ ט א ש - די/דער, =ן. טאש (קעשענע) אין אדער אויף די הויזן.

% דאס בייטעלע מיט געלט האלט ער אין די הויזנטאשן.

1920 " |...| די הענט פאררוקט אין די הויזנטאשן און דער קאפ פארווארפן צום אנלען פון שטול.

ל. מילער, 2, 9.

ה ו י ז ן = ט ר ע ג ע ר – דער, =ס. מצ דז.

שעלקעס אונטערצוהאלטן די ה ויזן; הויזנ=האלטער.

1907 " |...| האט זיך באוויזן דער מאנצביל אליין,

|...| אן א העמד, מיט א פידזשאקל,|און הויזן| 650

אן הויזן=טרעגער, און דערפאר אפנים האבן זיך די הויזן

|...| געשלעפט אויף דער ערד".

שלום=עליכם, 18, 67.

איך וועל דיר (עס) ארײנשיקן מיט רב שבתי הויזנטרעגער –

שפאסיקער אפזאג, ווען עמעץ פאדערט עפעס, ס׳הייסט:

וועסט עס קיין מאל נישט קריגן.

ה ו י ז נ ל א ז - אדי. בנב.

... " א נישט |...| מיט וואס באַרעכטיקן דעם קאסמיש=

652 קינסטלערישן, הויזנלאַז= פּאעטישן פּראבלעם?".

בראַדערזאַן, 7ב, 42.

................................................................

רעד: זאל עס מיינען "אַן הויזן"? און אפשר דאַרף זיין "הויזנבלאַז"? אָבער קיין איינער פון די באַטייטן פּאַסט זיך ניט צו דעם זאַץ... מע וואלט געדאַרפט אַ ברייטערן קאנטעקסט! אגב: אין קאַרטל איז געשריבן הויזנלאַז (מיט א פּתח).

................................................................

ה ו י ז ן = מ יי ט ק ע ס - מצ. די. "דאס איז א מין אנטועכץ

צווישן הויזן און מייטקעס. א יינגעלע פון פיר=פינף

יאר - קיין הויזן טראגט ע ר נאך נישט, אבער אויך 653

נישט מער קיין מייטקעס. איז עס אזעלכע הויזן פון פארנט

פארמאכט און פון הינטן ביי בײדע זייטן, רעכטס און לינקס

פארקנעפלט, מע קאן דאס לייכט אפקנעפלען" |קטוו|.

---

רעד: איך געדענק דאס אויך פון מיין קינדהייט.

אזעלכע אבער ביי אונדז (לוצק) האט מען דאס

גערופן פשוט "מייטקעס"

ארויסגערעדט מאטקעס, מיט א ווייכן"ט".

ש.פ.

ה ו י ז ן = נ א ג ע ו ר י צ ע - די, =ס. דזוו הויזן=ארבל.

1927 "...| עס איז ארייגעקומען אן אלטער אפיצער

מיט רויטע לאמפאסן אין די זייטן פון די הויזן=נאגעוויצעס".

654 זאנענבערג, 1, 18.

ה ו י ז ב פ ו ס - דער, ~ פיס.דזוו הויזן=ארבל.

ה ו י ז נ פ י ש - דער, מצ דז. (זאאל) זגאל פיש |סטוטש 247|. (ווסנ).

(אין דייטש:

רוסיש:

אדער

1885 " הויזנפיש, לאנג 13 איילן, מען פאנגט אים אין דער וואלגע. אלע זיינע טיילן זיינען נוצלעך. זיין פלייש עסט מען, פון זיינע אייער מאכט מען קאוויאר |...| פון זיין בלאז מאכט מאן א קליי, וואס הייסט הויזנבלאזן |...|".

אנ, דער פראצעס, ז"ז 67 - 68.

ה ו י ז נ צ יי ג – דאס, בא. באזונדער שטאף פאר הויזן.

... " זי |די קאפאטע| וואר געלאטעט מיט שטיקלעך גראדיטער,

אטלעס, הויזנצייג, לאסטיק |...|".

דיק,

ה ו י ז ן = ק א ל א ש ( ע ) - די,=ס. דזוו הויזן=ארבל.

ה ו י ז ן = ק א נ ט א ו ו ק ע - די, =ס.|סטוטש 526|.

(שניידעריי) איינער פון די פרעס=מכשירים, געניוער בנב.

ה ו י ז נ ק נ ע פ ל - דאס, =עך. א קנעפל, אריינגעניי־ט
צו קענען פארשפיליען די הויזן אדער אנצוקנעפלען
די שעלקעס.

ה ו י ז ן = ק ע ש ע נ ע – <u>די, =ס.</u> קעשענע אין אדער
אויף די הויזן.

% די קינדער האבן פולע <u>הויזן=קעשענעס</u> מיט ניס.

|1926 - 1931| " דער אמעריקאנער האט ארייגעלאזט די
הענט אין די <u>הויזן=קעשענעס</u>".
<u>אפאטאשו, 15, 14.</u>

ה ו י ז ן = ש ב יי ד ע ר – דער, =ס. קאנפעקציע=שניידער,
וואס נייט בלויז הויזן.

ה ו י ז נ ש פּ אַ ל ט - דער, =ן. די עפּענונג אין

אייבערשטן טייל פון די הויזן, פון פאַרנט; קראַק.

(?נ?) ה ו י ז = ע ט י ק ע ט - <u>דער, בא.</u> דער שטייגער פון
אויפפירן זיך אין שטוב ביים עסן, א ן באציונג צו
די עלטערן און פרעמדע <u>אד"גל</u>.

1951 " דער קורלענדישער איינפלוס אויפן ליטוואק האט
456 זיך אויך אויסגעדריקט אין |...| <u>הויז=עטיקעט</u> |...|".
<u>ב. ריווקין, פער 106, 411.</u>

(?ב?) ה ו י ז ע נ ע ן – אוטוו. (שנש) גיין אין הויזן, טראגן הויזן

1966 " בקיצור, פרויען דארפן וויסן, וועלכע פרוי עס

מעג טראגן הויזן און וועלכע נישט, אין וועלכע פלעצער 681

מען קען יא ׳הויזענען׳ און אין וועלכע מע קען נישט

׳הויזענען׳".

ג. מילער, פער 155, 187!x.

(?נ?) ה ו י ז פּ א ר ט י – די, =ס. (אמ) א מסיבה, א צונויפקום

פון פריינד און באקאנטע, א שימחה, געפּראוועט אין א שטוב.

1954 "איבער 21800 דאלאר, געשאפן פון עטלעכע בארד=

457 און הויז=פּארטיס |...|".

ב. בינשטאק, יזב 10, 699.

<u>הויז=פאַרוואַלטער</u> – <u>דער, =ס/מצ דז.</u>

אנגעשטעלטער, באפולמעכטיקט פון א הויז=באזיצער צו אדמיניסטרירן א גרעסער הויז.

% דער <u>הויז=פארוואלטער</u> מאנט אויף דאס דירה=געלט פון די לאקאטארן.

ה ו י ז פֿ י ך - <u>דאס, בא.</u> פיך וואס מע האדעוועט ביי

דער שטוב. (קי, ציגן).

ה ו י ז פ̅ י ר ו נ ג – <u>די, =ען.</u> דאס פירן די בעל=הבתישקייט

פון א הויז/ א משפחה; הויזהאלט.

1865 " יידן און באזונדערס יידישע טעכטער |...| זענען

464 דער עיקר אין דער <u>הויזפירונג</u> און ביי דער ערציונג

פון קינדער".

<u>פער 177, נ׳ 43, ז׳ 645.</u>

ה ו י ז פֿ י ר ע ר - דער, =ס/מצ דז |ליפשיץ 1|.

דזוו הויז=פֿארוואלטער.

178

ה–

ה ו י ז פֿ ל י ג – די, =ן. (זאאל) צוויי=פליגלדיקער

אינסעקט. (ווסנ, זען

1925 " צו ווייניק אכטונג גיבן מיר אויף דער געפאר, וואס

465 קומט פון אונדזערע הויזפליגן, |...| זיי קאנען אויף

זיין געפערלעך פארן מענטשן".

פער 151, נ׳ 6.

הויזפרוי - די, =ען. פרוי וואס פארנעמט זיך
(נאר) מיט דער בעל=הבתישקייט. איז ניט באשעפטיקט ביי
אן ארבעט מחוץ דעם הויז; בעל=הביתטע, עקרת=הבית.

% זי האט ניט געהאט קיין פראפעסיע, האט זי אין דער רובריק
"באשעפטיקונג" אנגעגעבן "<u>הויזפרוי</u>". א סך פרויען
זענען צוליב דער ארבעטלאזיקייט ווידער געווארן בלויז
<u>הויזפרויען</u>.

1805 " |...| דוא בישט זוא וויא איין שעלמישיס <u>הויז פרויא</u>
דוא פר פוהרשט דיא לייטין די ווייכי הערצער האבין מיט 470
דיין ווייכי ריידין".
<u>איבז א. פאוויר, 1, דף כ"ב.</u>

1868 " די <u>הויזפרוי</u>, כאטש זי איז פריי און אומאפהענגיק,
|...| איז פארט |?| ארבעטזאם און באשיידן". 467
<u>פער 177, נ' 48, ז' 358.</u>

1943 " |...| דאס פארפליכטעט מיך נישט חתונה צו האבן,

472 קינדער געבוירן און זיין א הויזפרוי".

זינגער, 8, 147.

◻ הויז פרויא/ הויש ורויא.

... " דיין הויז ורויא אישט גיגן מיינר גר איין וויכט".

468 מגילה=ליד, שורה 37.

|1685?| " דרום גיהערט איין איטליכי הויז פרויא אירן גזינד

470 פלייסיג אן ביפעלן דש מן ניט זאל פר געסן דען אופן |?|

צו כשרן".

דרך הישר, |...|, דף ס"ב.

ה ו י ז פֿ ר י ד ( ן ) - דער, בא. |סטוטש 455|.

גוט צוזאמענלעבן אין דער משפחה; שלום=בית.

ה־

הויזפריינד – דער, מצ דז. דער וואס איז

א לאנגאניקער און נאענטער פריינד פון דער משפחה.

1865 " דארט |אין קרעטשמע| איז געזעסן ביים טיש א [illegible]

הויזפריינד פונעם ארענדאר |...|". 478

פער 177, נ׳ 28, ז׳ 433.

(?נ?) ם ה ו י ז צ י נ ז  – דער, =ן. שטייער אויף הייזער.

1784 " |...| איך האבי 15 ₣ הויזציגז צאהלונג אויף מיר".

479 ערשטער פראטאקאל פון וויגער קהל.

הויז=קאמיטעט - דער, =ן.

1. אויסגעוויילטע פארשטייער פון די לאקאטארן אין א געוויסן הויז צו באזארגן בשותפותדיקע ענינים. גויטן פון הויז.

% דער הויז=קאמיטעט דארף באזארגן דאס רעגלוערע פונקציאנירן פון דער צענטראל=באהייצונג.

2. (שגל) ספעציעלער קאמיטעט אין א הויז פון געטא, געגוויער זען ציטאטעס.

1947 " אייערנעכטן האט דער הויז=קאמיטעט פארטיילט דאס

481 לעצטע עסן |...|".

יזב 8, 219.

1961 " הויז=קאמיטעט - שוין אין סעפטעמבער 1939 זיינען

480 אנטשטאנען קמיטעטן אין ווארשע פאר יעדן בלאק הייזער.

זיי האבן זיך פארנומען מיט די פליטים, נשרפים, נויטבאדערפטיקע

שפעטער האבן זיי זיך פארנומען מיטן אינעווייניקסטן לעבן

פון הויז און האבן דורגעפירט וויכטיקע פונקציעס |...|".

בלומענטאל, פער 90, נ' XX! - 3.

(נ?ב) ה ו י ז ק א ץ – די ~ קעץ. פארהיימישטע, שטוביקע קאץ

(צום אונטערשיידן פון א ווילדער קאץ).

1867 " איר זאלט ניט מיינען |...| עפעס פועלן ביי אונדזערע

483 ווייבער, |...| זיי זאלן זיך ארומקוקן |...| ווי אזוי

זיי זנאטשען ביים מאן אקוראט ווי א הויזקאץ".

לינעצקי, פער 177, ג׳ 43, ז׳ 320.

ה־

186

ה ו י ז = ק א ר י ד א ר - דער, =ן. א פירהויז אין א הויף.

1973 " מינקעווסקיס טויטען קערפער איז געלעגן אין

הויז=קארידאר אין א קאלוזשע בלוט |...|". 484

יזב 18, 217.

ה ו י ז ק י ך - די, =ן, פּפּ ~ קען. די קיך אין הויז.

1896" אין דעם קוימען פון דער הויזקען האט דער ווינט

שרעקלעך טרויעריק געוויינט". 485

בינשטאק, 1, 11.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, מעגלעך אז אין געוויסע מקומות, האט "הויזקיך" געהאט א ספּעציעלן באטייט.

הויזקיפער - דער, =ס. (אמ) אדמיניסטראטאר
פון א גרויסן הויז מיט א סך דירות.

1915 " זונניק האבן די גארבערס באקומען די טרויעריקע
487 נייעס וועגן העכערע רענט אפיציעל דורכן הויזקיפער,
און אויף מארגן איז חיים מיט זיין ווייב אוועק זוכן
אן אנדער דירה".
ליבין, 1, 249.

ה ו י ז ק ל יי ד - דאס, =ער. |סטוטש 522|.

א פשוט קלייד, וואס מע נוצט אין שטוב, ביי שטוביקע ארבעטן (צום אונטערשיידן פון יום=טובדיקע אדער ארויסגאנג=קליידער).

% ווי נאר זי איז געקומען פון דער ארבעט, טוט זי זיך איבער און א הויזקלייד און נעמט זיך צו ראמען די שטוב.

ם (?נ?)

הויזקנעכט - דער, מצ דז. (עלט) א קנעכט

וואס איז געבוירן אין הויז ( אין דער משפחה) פון האר.

1717 " |...| ער האט זיא |די תורה| געבן גאט דורך זיין

489 וואַרהאפטיגן הויז קנעכט".

ס'החיים, !!,דף קי"ט, ו' - 1.

| |
|---|
| רעד: ניט זיכער אין הויזטייטש |

(?ב?) ה ו י ז ק ר י ס ט י ר [ם] - דער, =ן. קליסטיר, געמאכט מיט אימפראוויזירטע כלים.

1728 "ווען מן דיא זאכין אבר ניט בייא האנדן האט, זוא מאך מאַן אַיין הויז קליסטיר". 490

סגולות ורפואות, ??, דף יט.

| |
|---|
| רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש |

ה ו י ז ר א ט - דאס/די, בא. (עלט) שטובזאכן

(מעבל, כלים, בעטצייג אד"גל). בעל־הבתישקייט.

|אנהיים X!X| " אויך ווייבער, ניט ליידיק צו זיצן,//

506 פארזארגן אין דער היים דאס הויזראט |...|".

עטינגער, 3, 21.

1875 " דערווײַלע האט ער געלאזט איינפאקן אלע זיינע זאכן

503 מיט גאר די הויזראט אין דריי בריקעס".

דיק, 78, 12.

1964 " אז ער האט דערזען די קנאפע הויזראט |טעקסט:הויז=ראד|,

496 האט דאס אים געמאכט זיך פילן אומהיימלעך,אפגעפרעמד

אין יענער שטוב".

נסתר, פער 131,נ׳ 1, ז׳ 8.

ם

הויז ראט/ הויש רוט.

1544 " דא בורטן זיא געז חברון איר ווייבר אונ' איר

קינד.// אונ' אלש דאש זיא הטן הויש רוט אונ' גיזנד". 500

שמואל=בוך, סטר' 880.

1679 " דוא האשט אלי מיין הויז ראט ביטאשטיט, וואש ה

הושטו ניץ פון דיינש הויז ראטש גיפונדין |...|". 500/1

בליץ, בראשית, לא - לז.

ה ו י ז ר א ק - דער, ~ רעק. א שטוביקער בגד, מין לייכטער מאנטל, וואס מע טוט אן אויף די אונטערוועש אדער פיזשאמע, ס'רוב נאכן אויפשטיין פון בעט, פארן אנטאן זיך ווי ס'דארף צו זיין; שלאפראק.

1975 " |...| אריבערגעשפאנט דעם קארידאר און איז אין
א הויזראק און אין די שטעקשיך אריין א ין דער ביבליאטעק". 510
באשעוויס, פער 155, III/7.

ה ו י ז = ר ע ו י ז י ע – <u>די, =ס.</u> פאליציי=רעוויזיע

אין א הויז, דאס זוכן חשודע זאכן.

1947 "<u>הויז=רעוויזיעס</u> זיינען געווען אן אפטע דערשיינונג,

511 ארעסטירטע האט מען געשלאגן".

<u>יזב 8, 129.</u>

(?נ?) ם הויז רעכונג – די, |מצ?|. דזוו הויזראט.

1533 " |...| ליבר שוואגר אונ׳ שוועשטר וואלגט מיר ווש

איך דיר דא שרייבא אך אונ׳ וור קאף אל דיין 512

הויז רעכונג אונ׳ אלי קליידר |...|".

פריוואטע יידישע בריוו, ז׳ 334.

ה ו י ז ר ע כ ט - דאס, בא. דאס רעכט אויף פריוואטקייט
אין דעם אייגענעם הויז, אין אייגענער וווינונג,
דאס רעכט יא אדער ניט אריינצולאזן עמעצן צו זיך.

1870 " אויסזאגן וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב
הייסט פארלעצן זיין הויזרעכט". 1513
פער 177, נ' 23, ז' 168.

הויזשאנק – די/דער ~ שענק, פּפּ הויזנשאנק,

פּקפּ שענקל. " א שאנק (שאפע) וואס שטייט אין פירהויז" (קטור).

199 ה-

הויז = שאפע - די, =ס. פּקפּ ~ שאפקע.

שאפע/שאפקע, וואס שטייט אין פירהויז.

% אין דער הויזשאפע שטייען פארשיידענע כלים.

1936 " שפעטער האט ער ארויסגענומען די פארטיקע פוטער,

516 אויסגעשווענקט פון דער מאשלינקע, פארשלאסן אין

אויזשאפקעלע, |...|".

קארן, 2, 568.

ה ו י ז ש ו ו א ם - דער/די, =ען. (באם) א שוואם וואס וואקסט אויף נאס האלץ און ברענגט צום צעפאל פון דעם האלצגעוועב.

1960 " האלץ זאל ניט אנגעשטעקט ווערן מיטן הויזשוואם, איז נייטיק גוטע לופטונג". 517

ל. זאמעט, פער 90, נ' XX - 3.

(?נ?) ה ו י ז[ם] ש ט א ט - דער, ~ שטעט.דזוו הויזראט?

1703 " איך הב אלז פר קויפט וואז איך הב הינטן אונ׳

518 פארנן גהט, הויז שטעט, תכשיטים, כסף וזהב, הט מיך

דאז אלז גישט גקלעקט".

כ"י, מגלת איבה, ז׳ 210.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, אפשר דארף מען

גאר לייענען ווי צוויי ווערטער: און אין מיטן

א קאמע 1) הויז, 2) שטעט (אין שיל).

ה ו י ז ש ט <u>יי</u> ע ר - <u>דער, =ן.</u> שטייער וואס מע צולט פאר באזיצן א הויז.

% ארויפלייגן א <u>הויזשטייער</u>. צאלן הויזשטייער דער שטאט=פארוואלטונג. העכערן דעם <u>הויזשטייער</u>.

(?ב?) ה ו י ז = ש י מ ח ה |~ סימכע| - די, =ות|סימכעס|.

שימחה פון דער משפחה.

1972 " איר ׳באי=פריינד׳ האט חשק צו אנאנסירן זייער

פארלאבונג דעם אוונט פון דער __הויז=שימחה__". 523

__א. העפטערמאן, פער 155, 5/X!.__

> __רעד:__ גאר מיגלעך אז ס׳איז אן איבערזעצונג פון
>
> אמעריקאניש
>
> דאס מיינט סתם א מסיבה.

ה ו י ז ש נ יי ד ע ר י ן - די, =ס. שנײדערין וואס נײט אין דער שטוב פון דעם באַשטעלער.

% מע האט געגומען א הויזשנײדערן צו נײען די חתונה=קלײדער.

1974 " אײן מאל האב איך איבערגעלײענט אין צײטונג

520 אן אנאנס, אז עס וועט געזוכט א הויזשנײדערין |...|".

יזב 17, 350.

ה ו י ז ש ע ן - אוטוו. דזוו הוזשען, הודזשען.

1949 " ס'האט אים גנט אויפגעהערט צו הויזשען אין קאפ

685 דאס אייביקע געהאוועניש אין ניו=יארק".

טרונק, 6, 276.

רעד: קאנטראלירן די ציטאטע, מיגלעך ס'איז פשוט א

גרייז (פון דרוק, פון איבערשרייבער), און

ס'דארף זיין "הוזשען".

<u>הויזשפײַזער – דער, =ס/מצ דז.</u>

1. דער וואס איז מפרנס דאס הויז, די משפחה.

2. (<u>עלט</u>) הויז=פארוואלטער, פירער פון דער הויזווירשאפט.

1838 " און נאך אפ שטארבונג דיין פאטר וועשטו אראפ נעמן

דיא קרוין פון דיין שטיף מוטר די הערן און פון זיין

<u>הויז שפייזיר</u> יוסף". 521

<u>פאוויר, 2, דף ח׳.</u>

<u>רעד:</u>ניט קלאר פון דער ציטאטע צו וועלכן באטייט
זי קאן זיין שייך.

ה ו י ז ש פּ י ן - די, =ען. |סטוטש 247|.

זגאל שפינען, וואס נעסטיקט אין פארלאזענע ערטער פון

הייזער (בוידעם, קעלער),

(ווסב

הויט – די, =ן (זן), פּקפּ הייטל.

1. דאס ארגאנישע געוועב, וואס באדעקט דעם קערפּער פון
מענטשן און געוויסע בעלי=חיים. הארטע/ווייכע הויט.
גלאטע, צארטע הויט. שארסטקע הויט. טרוקענע, געקנייטשטע
(גערונצלטע) הויט. בלאסע הויט. טונקעלע/שווארצע הויט.
אפברענען די הויט אויף דער זון. זי האט זיך אפגעבריט
די הויט פון א פינגער. דער קראנקער האט פלעקן אויף
דער הויט. די הויט שמארצט אים. די קעכין נעמט אראפ די
פעטע הויט פון דעם עוף. די הויט שיילט זיך ביי אים
פון די פיל ליגן אויף דער זון.

1836 "אין דער צווייטער העלפט טראגן איז אויך פאראן
געוויסע צייכנס |...| דער פנים ווערט מאגער, מע 839/1
באקומט געלבע פלעקן אויף דער הויט, אבער הויפט אויף
דעם געזיכט".
בערלאנט, 1, 3.

1891 "|...| א סקעלעט ליגט אין בעט. א סקעלעט איבערגעצויגן

839 מיט א געלער, דארער, טרוקענער הויט. מיכל כלי=זמר

שטארבט אוועק".

פרץ, 17, 65.

1908 "די הויט איז אויך דער פילונגס=און אנטאפונגס=

846 ארגאן..דורך דער הויט פילן מיר וואס א ז קאלט און

וואס איזווארעם |...|".

גאטליעב, 2, 51.

1931 "|...| דער פעטס=אונטערשלאק אונטער דער הויט

858 ביי דער פרוי איז מער אנטוויקלט, צוליב וואס די

גלידער זיינען קיילעכדיקער און ווייכער".

פער 151, נ׳ 3.

1974 "ער טראכט: איז עס דען מעגלעך? אפילו די דייטשן

858/1 וועלן נישט אויסקוילען מיליאנען מענטשן און מאכן

פון זייער הויט געמזע=לעדער".

עלבערג, 2, 132.

2. (זן) די פעל פון א בעל=חי.

1864 " ווער איין הויט אויסארבעט, אייגזאלצט אדער

827 איין ווייכע הויט אויסטרעט ביז זי הארט ווערט אום

שבת, איז חייב משום (מעבד)".

ברודא, 1, דף מ"ז.

1902 " דאס קעלבל האט אויף זיך געגומען לייב, ס'איז

858/2 אים אויסגעקראכן די האר און באקומען א נייע

גלאנצנדיקע הויט".

מענדעלע, 7ג, 55.

... " |...| איך קיילהויז פאלן נישט=דערשלאגענע אקסן,

858/3 נאר פאר יציאת=נשמה ציט מען פון זיי אראפ די הויט".

פרץ, 13, 11.

3. שאלעכץ פון א פרוכט, דינע קארע.

% א מאראנץ מיט א דיקער הויט. די פלוים האט א בלאלעכע
דינע הויט. זיי בראטן בולעס אין דער הויט.

|1915 - 1904| " דער שטעקן באדעקט זיך מיט א גרינער

858/4 הויט, די הויט ווערט אנגעדראלן מיט אדערלעך, באדעקט

זיך מיט קנאספן".

פרץ, 9, 248.

... " רייס ניט אפ דעם פייער בלאנדן ערפל פון דיין בוים,//

858/5 ווען ער גאלדיקט זיך ווי די זון |...|// און זיין דינע

הויט קען קוים האלטן ס'גלייקע געטריף |...|".

סוצקעווער, 3, 120.

1961 " ר' הענעך שיילט פון קארטאפל די הויט און דערציילט

871 פון אמאליקע צדיקים |...|".

ש. שטערן, פער 69, !!/4.

4. דער געדיכטער שיכט פעטס פון מילך וואס זאמלט זיך

אן אויבן, הייטל.

1973 " |...| א ברוין =טויטלעך בלעטל הויט פון מילך,

722 אויסגעבריט אויפן פיעקעליק".

אליצקי, 5, 369.

5. (פיג) פארעם, געשטאלט, איסזען, כאראקטער, נאטור.

% ס'איז ניט מיגלעך ארייננצוקריכן אין יענעמס הויט.

דער מענטש קען ניט בייטן זיין הויט (שור).

... " |...| נאר ער, וואס האט ערשט נעכטן געקאנט ווערן
אויס ייד און אריין אין א פוילישער הויט, קען היינט 715
|...| מארגן |...| אראפווארפן די פוילישע הויט און
ווערן א רוס!".

פרץ, 13, 141.

1912 " מען קאן ניט זעלטן געפינען איינגעוואנדערטע,
וואס האבן זייער לעבן=לאנג, ביי דעם בעסטן ווילן, 704
ניט געקאנט אין גאנצן אראפשלעפן פון זיך די אלטע הויט".

זשיטלאווסקי, 2, 205.

1952 " הערש האט זיך געפילט אומאייגן אין אזא מין הויט".

י. אקרוטני, פער 69, VI/12. 870

א) פּפּ:

הויט ווי (א) פּאַרמעט - געל, אַלט, קרענקלעך.

|1907 - 1909| " |...| דאָר, די ביינער צו ציילן, אַ גערונטצלטע הויט, ווי פּאַרמעט צו תפילין, אויגן פּאַרלאָשענע".

פּרץ, 17, 346.

אַ הויט ווי אַ ריבאייזן - וועגן אַ האַרטן אומשפּירעוודיקן מענטשן.

ב)

אַ גראָבע/דיקע הויט (האָבן) - זיין אומשפּיעוודיק, אויף באַליידיקונגען, עוולות, ווייטיק.

אַ געגדזענע הויט - שאַרסטקע, בערגלדיק (ווי ביי אַ גאַנד) צוליב איינשריפּפן זיך מחמת קעלט, שרעק, דענערווירונג.

א ווייכע הויט (האבן) - זיין שפירעוודיק, פיינפילנדיק, צארט.

הויט און ביין(ער) - וועגן א דארן, אפגעמאגערטן מענטשן.

1897 " ער |דער וועבער| ווארפט א |...| בליק אויפן

אויסגעמוטשעטן ווייב, אויף די קינדערלעך, 'הויט און ביין'".

פרץ, 17, 179.

1910 " |...| פרויען ווייזן א היינטיקן ייד - // וואס אין

869 גאנצן איז ער הויט און ביינער,// ווי ער ציטערט

פאר יעדן טריט".

פרוג, 1, 17.

הויט און קנאכן - דזוו דפוו.

1908 " דער פאטער אהז א קראנקער מאן,// די מוטער - שוואך

888 געבראכן; די עופהלעך די בידנע פיר - // נאר דארע,

הויט און קנאכן".

מ. ראזענפעלד, 2, 52.

<u>פון (דער) העלער הויט</u> - 1. פלוצעם, אומגעריכט.

|אנהייב <u>XIX</u>| " א נגיד, וואס האט אויף זיך נישט אן
867 אומטיידערל, זאל <u>פון העלער הויט</u> זאל <u>פון העלער הויט</u>
א צוואה שרייבן!".

<u>אג, גענארטע וועלט, ז' 91.</u>

1894 " געצל האט גלייך פארגעסן, וואס ער האט דא ניט
728 לאנג גערעדט און איז <u>פון העלער הויט</u> לוסטיק געווארן
|...| און איז אוועק איבערן שטוב א 'קאזאצקע'".

<u>גארין, 2, 11.</u>

2. אן א זינען/באטייט, אן א מיין, סתם אזוי זאגן, רעדן.

% ער זאגט עס ניט <u>פון דער העלער הויט</u>, מסתמא מיינט ער
עפעס דערביי.

<u>פארדארבן פון הויט און קנאכן</u> - פארדארבן, דעמאראליזירט
אין גאנצן, פולשטענדיק.

1875 " |...| ביסט פארדארבן פון הויט און קנאכן".

843 דיק, 78, 24.

ג)

א נייע הויט איז (ארויפ) געקומען (אויף עמעצן), איז געווארן, איז ארויף, האט זיך אנגעצויגן/ארופגעצויגן - מען איז געווארן אנדערש, דערמונטער. פרישער זיכערער, פריילעכער.

1865 " ווער עס איז אריינגעגאנגען צו איר, האט געפילט

727 עפעס א פרייד, א נייע הויט איז אויף אים געווארן".

ג.י. ראוויטש, 1, 64.

... " אז איך האב זיך אויפגעכאפט אויף דער נאכט, בין

755 איך געווען פריש און געזונט, ווי א נייע הויט איז אויף מיר ארויף".

מענדעלע, 21, 47.

1916 " |...| א נייע הויט איז אויף מיר געקומען.

731 ס'האט זיך ביי מיר דערוועקט דער גאנצער חשק צום לעבן".

זילבערבוש, 1, 129.

ד)

די הויט איז אויפגעלאפן - איז געווארן א גנדזענע

(זען פריער).

1900 "וועגן דער ליטוואק איז געבליבן איינער אליין מיטן

רבין, איז אים באפאלן אן אימה. די הויט איז אים אויפגעלאפן

פאר שרעק".

פרץ, 17, 323.

די הויט ברענט (אויף אים/איר) - וועגן עמצן וואס

אײלט זיך זייער, איז שטארק אומגעדולדיק.

די הויט געגנדזלט זיך - איז געווארן א געגנדזענע

(זען פריער).

1926 " ווי נאר איך בין צוגעקומען צו אים, זיך איינגעקוקט
אין זיינע אויגן, האב איך דערפילט, ווי די הויט
נעמט זיך ביי מיר גענדזלען".
אפאטאשו, 3, 46.

די הויט טרייסלט (אויף) אים - דזוו די הויט ציטערט.

די הויט ציטערט (אויף אים/איר/מיר) - מע פילט א קעלט,
א שרעק.

1819 " די הויט פון מיין לייב טוט אויף מיר ציטערן |...|".
אג, ס' ישרי לב, דף כ"ד. 835

1898 " אוי, אז איך דערמאן מיך אס, ציטערט אויף מיר
די הויט פאר ווייטיק". 729
אויזערקים, 1א, 105.

די הויט רייסט (אויף אים) - ס'איז געווארן שלעכט, ערגער.

ה)

אויסטאָן זיך פון (דער) הויט - דזוו קריכן פון דער הויט.

אויפעסן פון זיך דאס (לעצטע) העמד - אין גאנצן

פאראָרעמט ווערן, שוין גנט פארמאגן גארנישט.

אפעסן די הויט (עמעצן) - לעבן אויף יענעמס חשבון.

1943 " |...| געגוג ביים פעטער זיצן און אפעסן די הויט".

723 באריישא, 3.

(אראפ)לופען די הויט - דזוו שינדן די הויט.

1893 " זיי האבן מיר אראפגעלופעט די הויט, צוויי

735 טויזנט קערבלעך, דו ביסט ווערט אזא חתן?".

גארין, 1, 35.

אראפנעמען די הויט - דזוו דפוו.

(אר)אפציען די הויט – דזוו דפוו.

1833 " אונ זאל ער טון קיגן זייני אוגין זעלכי מענטשין

764 ווש ביי זייער לעבין ציהט מען אפ זייא דיא הויט

אן רחמנות אונ זייא שרייאין אונ קיינר העלפט זייא ניט".

איבז ר' משה בר' נתן=נטע, 2.

אפשינדן די הויט – דזוו שינדן די הויט.

1883 " |...| נאר צו רייסן געלט פון ארעמע=לייט, די הויט

703 פון זיי אראפצושינדן".

גגי. ראוויטש, 3, 15.

קריכן פון דער הויט.

ארויסקריכן פון דער הויט – דזוו [illegible].

ארויסשפרינגען פון דער הויט – דזוו שפרינגען פון דער הויט.

... עפעס בין איך ווי ארויסגעשפרונגען פון דער הויט,

703/1 ארויס פון די כלים |...|".

מענדעלע, 9.

<u>ארויפציען א נייע הויט</u> – ווערן אן אנדער מענטש. בייטן די
נאטור, דעם כאראקטער.

... "וועט איך אבער געראטן אונדז איבערצייגן,|...|
אז מיר דארפן ארויפציען אויף זיך א נייע הויט |...|". 703/2
<u>פרץ, 13, 135</u>.

<u>ארייננגיין/ארייננקריכן אין דער הויט (פון עמעצן)</u> –
פרוּוון פארשטיין, איבערלעבן דאס וואס יענער, ארייננפילן
זיך אין יענעמס מצב, געדאנקען.

<u>באקומען/קריגן א נייע הויט</u> – דזוו א נייע הויט איז
(ארויפ)געקומען.

<u>דערלייגן די הויט</u> – אנווערן א סך (ביי א מיסחר).

<u>טייך אין דער הויט</u> – ווען מע פרעגט אויף עמעצן און מע
ווייסט ניט אדער מע וויל ניט זאגן ווי ער איז, ענטפערט

מען שפאסיק: "ער איז אין דער הויט"|עלזעס,2ג, 43|.

זייַן אין דער הויט (פֿון עמעצן) - דזוו אריינגיין/אריינקריכן אין יענעמס הויט.

טאנצן פון דער הויט - (איר) גוזמאדיק פרייען זיך.

לויפן אויסן הויט - לויפן זייער גיך.

1910 " |...| א גרויסע פליג האט אים |דעם פערד| א ביס,

860 געטאן, האט ער זיך דערשראקן און גענומען ליפן אויסן הויט".

מ. ראזענפעלד, 6, 121.

פילן אויף דער אייגענער הויט - איבערלעבן פערזענלעך, נישט דורך הערן פון עמעצן.

ציען די הויט פון זיך - דזוו קריכן פון דער הויט.

קריגן א געזונטע הויט - דערשרעקן זיך, מורא האבן.

קריכן פון דער הויט - שטארק באמיען זיך, טאן אלץ כדי צו
דערגרייכן דעם ציל.

|1926 - 1931| " וואס וויל ער, דער סאלידער דייטש?

711 קריכט פון דער הויט, מע זאל זיך אויסמענטשלען, לערנען
ביים גוי חכמה |...|".

אפאטאשו, 10, 193.

רייסן די הויט - דזוו שינדן די הויט.

... " פארגעסט ניִשט, |...| אז די מלמדים רייסן די הויט
834 שכר=לימוד, אז דער בעל=הבית מאנט דירה=געלט |...|".

מענדעלע, 21, 15.

רייסן אויף זיך/פון זיך די הויט - האבן שטארקן צער

חרטה. % זיי האבן געריסן אויף זיך די הויט, פאר וואס
זיי זענען פאר דער מלחמה ניט אוועק פון פוילן.

רייסן זיך פון דער הויט - דזוו קריכן פון דער הויט.

שטעקן אין דער הויט ((פון עמעצן) - דזוו זיין/אריינגיין אין
דער הויט.

1875 " ווערט זי זיך אבער נישט מודה זיין, ווייסטש איך מיר
אסור נישט אין איר הויט צו שטעקן". 781
עטינגער, 1א, 61.

(אפ)שינדן די הויט - נעמען צו הויכע פרייזן, באנעמען,
אויסנוצן, ארויפלייגן א סך שטייערן אד"גל.
% די קרעמערס הייבן אלע טאג ´די פרייזן, שינדן די הויט.

|?1898| " שווער צו קריגן א שותף! [illegible]
צו וועמען גייט מען? צום וואכער? - ער וועט אפשינדן די הוי(ט)".
פרץ, 17, 282.

1951 " די פריצים האבן ניט אויפגעהערט צו שינדן די הויט
836 פון פויער |...|".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 339.

שניידן די הויט – דזוו דפוו.

(ארויס)שפרינגען פון דער הויט – 1. ארויסווייזן א
שטארקן געפיל (ווונדער, פרייד, כעס, אומגעדולד אד"גל)".
% פאר גרויס פארדראס איז ער פון דער הויט געשפרונגען.
וואס זייער פלי פארשפעטיקט זיך.

1898 " זאלסט אפילו פון דער הויט שפרינגען, וועסטו נישט
שיקן קיין שליח מיוחד נאכן קינד |...|".
פרץ, 17, 260.

2. אנשטרענגען זיך א סך ארבעטן.

... " פאר פסח בין איך שיער נישט אויס דער הויט געשפרונגען

776 פון שארן, רייבן און קראצן".

מענדעלע, ציט עלזעט, 2ג, 50.

שוו: א שווארצע הויט העלפט ניט דאס וואשן. אז אן אלטער

מאן נעמט א מויד, ציטערט אוים אים די הויט.

אז אן ארעמאן זעט א גראשן, שפרינגט ער פון דער הויט.

הויט.[ם]

------> 1.

1544 " |...| עס קונט אונש ניט גיהעלפן אוב עס אונש

725 שון גירויט // עס אישט גאר גוט צו שלופן אויף גאנצער הויט".

שמואל=בוך, סטר' 1509.

1716 " מיט הויט אונ׳ פלייש האשטו מיך בקלידט |...|".

ס׳ חובות הלבבות, 1, דף לה.

<---- .2

1668 " |...| דז גיפלוכטן ווערק דש דא איז גימאכט גיוועזן

772/1 פון אינוויניג פון דעם הייטן דער ווילדן אוקסן".

יוסיפון, 3, דף כל"ו.

1762 " מן מאג אויף שפרייטן איין הויט פון איין ציקליין

772/2 |...| איבר איין שאנק וואו דש פיאר האט שוין אן

גיגריפין |...|".

תקוני שבת, דף ע׳.

<---- .3

1732 " דו האשט איין טייטל גיפונדן אונ הושט די הויט

855 אונ פלייש דער פון גיגעסן |...|".

עיון יצחק, דף 6.

ה ו י ט =... – באשטימטייל פון צונויפהעפטן, מיטן באטייט:
פון הויט, שייכדיק צו הויט.

% הויטגעוועב, הויטקראנקייט.

(?נ?) ה ו י ט ( ל יי ן ) - דאס, =ן. שטיבעלע, כאטקע.ם

1541 " דיא גאנץ נאכט טעט זיא ניא קיין שלוף// אונ׳ צו

944 מורגנש בור זי אויף גר גישווינדן // אז איין אונזניגי

זי אין דער הויטן אום לוף".

בבא=בוך, סטר׳ 482.

ה ו י ט א ו י ס ש י ט - דער, =ן. קליינע פלעקן, בלעזלעך אדער פרישטשיקעס אויף דער הויט ס׳רוב א רעזולטאט פון אן אינפעקציע אין דער הויט, פון אן אנשטעקנדיקער קראנקייט אדער פון א שלעכטן שטאפבייט אין ארגאניזם.

% בי שקארלאטין איז דא א הויטאויסשיט.

ה ו י ט א ו י ס ש ל א ג - דער, =ן. דזוו דפוו.

ה ו י ט = א ט ע מ ו נ ג  -  די, בא. דאס אטעמען

(אויסטויש פון זויערשטאף און קוילן=דיאקסיד)

דורך די פארן פון דער הויט.

233 ה-

ה ו י ט א יי ל - דער, בא. |סטוטש 241|. בנב.

ה ו י ט = א נ צ י נ ד ו נ ג - די, =ען. (מעד)

אינפעקציעזע רעאקציע פון דער הויט, ~~דאס~~ דריקט זיך אויס אין געשווילעכץ, פאכירן, פארשיידענע שופן א"א קרענקלעכע סימנים; דערמאטיטיס.

1908 " עס איז שעדלעך צו שטארק צו קעמען אדער בארשטן די האר, ווייל דורך דעם קאן מען ארויסרופן א הויט=אנצינדונג (טעקסט: אנטצינדונג) און די האר הייבן אן ארויספאלן פון קאפ". 901

גאטליעב, 2, 67.

1925 " |...| איך קענען שוין ניט מער די האר וואקסן, אויב א הויטאנצינדונג צעשטערט די ווארצלען". 902

פער 151, נ' 6.

ה ו י ט ב א נ ק – די, ~ <u>בענק</u>. א מעדיצינישע
אינסטיטוציע, ווו. ס׳ווערט געזאמלט און קאנסערווירט
מענטשלעכע הויט פאר צוועקן פון טראנספלאנטאציע.

ה ו י ט ב י נ ד ל - דאס, =ער. (גארבעריי) בנב.

1922 " לאזט מען א געשוואלטע פעל ליגן אין וואסער,

905 נעמען זיך אן די הויטבינדלער מער און מער מיט וואסער,

ביז די פעל קומט צו אזא צושטאנד, אז ס'בלייבט פון

דער פעל א מין הויטגעוועב, וואס יעדער איינצלנער פאדעם

איז נאך גענוג שטארק".

וואולאך, 1, 20.

רעד: א דערקלערונג פון דעם טערמין קאן מען אפשר

געפינען טאקע אין דעם ציטירטן ביכל.

ה ו י ט ב ל ע ז ל - דאס, =ען. פאכיכל, אויפלויף פון
דער הויט, וואס קומען אין רעזולטאט פון א קראנקהייט,
פון אפבריען זיך , פון אפרייבן אד"גל.

1959 " אויף די פיאטעס נעמען זיך באווייזן אנהייבן
פון הויטבלעזלען".

לייוויק, 13, 364.

238 ה־

ה ו י ט ג י ל - דער/די, =ן. פֿקפֿ גילעכל. דזוו הויטדריז.

1927 " אין דער הויט געפינען זיך א סך קליינע גילעכלעך

907 צווישן די הויטגילן זיינען פאראן: 1) כלב=גילן און

2) שווייסגילן".

בערלס, 1, 59.

ה ו י ט ג ע ו ו ע ב - דאס, =ן. (ביאל) דאס קעמערלעך=געוועב

פון וועלכן ס׳באשטייט די הויט.

|1917 / 1916| " וועדליק די לעבנס=אויפגאבן, וואס

909 זיי האבן דורכצופירן ביי די העכערע פלאנצן, ווערן

די דויער=געוועבן איינגעטיילט אין: 1) הויטגעוועב,

2) גרונטגעוועב און 3) שטראנגגעוועב".

זאקס, 2/1.

| רעד: כדאי אפצוזוכן אין זאקס׳ "דאס לעבן פון פלאנצן" צו וויסן פון וועלכן טייל ס׳איז גענומען די ציטאטע! |
|---|

1922 " דאס ווייקן | די רויע פעל| האט דעם צוועק |צו|

908 רייך וואשן, באזייטיקן זייטיקע שטאפן און לאזן

דאס הויטגעוועב זיך אנגעמען |מיט וואסער|".

וואולאך, 1, 13.

ה ו י ט ג ע פ ע ס - <u>דאס, =ן.</u> <u>(אנאט)</u> די בלוטאנדערן
אין דער הויט.

1923 " זיך באדן אין טייך איז בכלל גאנץ גוצלעך |...|
911 עס רייצט די הויט, ס'פארשמעלערט מיט א מאל די
<u>הויטגעפעסן</u> (בלוטאדערן)".
<u>פער 151, נ' 7 - 8.</u>

242 ה-

ה ו י ט ג ע ש וו י ר  -  דאס, =ן, (ס׳רוב אין פּקפֿ) .

א געשוויר אויף/אין דער הויט.

ה ו י ט ד א ק ט א ר - דער, מצ דאקטוירים. דאקטאר
וואס איז ספעציאליזירט אין היילן הויטקראנקייטן

ה ו י ט ד ר י ז - די, =ן. (אנאט) דריז אין דער הויט.

% די הויטדריז טיילט אויס שווייס.

ה ו י ט ז א ל ב – די, =ן. זאלב צו היילן א הויטקראנקייט

אדער צו פעטער מאכן די הויט.

ה ו י ט = ח ל ב |~ כיילעוו| דער, בא. (אנאט)

א פעטס וואס ווערט אויסגעטיילט פון דער הויטדריז.

1921 " די חלב=דריזן |...| טיילן ארויס פון זיך דעם הויט=

916 חלב. ביי דער טעמפעראטור פון אונדזער קערפער איז דער

חלב א פליסיקער |...|. דער הויט=חלב מאכט ווייכער די

הויט און היט זי אפ פון צעשפאלטן ווערן".

איבז איסעל, 2, 36.

1927 " די חלב =גילן |...| טיילן דאס אויס פון זיך דאס

915 הויט=חלב".

בערלס, 1, 59.

ה ו י ט = ט ו ב ע ר ק ו ל א ז - דער,בא. הויטקראנקייט

ארויסגערופן דורך טובערקולאז=באצילן.

ה ו י ט = ט ר א נ ס פ י ר א צ י ע - די, בא.

דזוו הויט=אטעמונג.

1908 " |...| נישט זייער ווארעם זיין אנגעטאן, ווייל שווערע

918 קליידונג האט א גרויסן פעלער, אז פון דעם קלענסטן ווינטל

ווערט די הויט=טראנספיראציע |...| איבערגעריסן, וואס

דערפון אנשטייען פארשידענע שלאפקייטן".

איבז אנ, עצן פאר דעם פרויען לעבן, ז׳ 6.

ה ו י ט = ט ר א נ ס פ ל א נ ט א צ י ע - די, =ס.

דאס איבערפלאנצן געזונטע הויט אויפן ארט פון קראנקער אדער צעשטערטער הויט (למשל, נאך שטארקן אפבריען).

ה ו י ט י ק - אדי. 1. ווי הויט, ווי בלויז הויט.

1920 " |...| מוילטיילן |פון אינסעקט| קייעדיקע,

889/1 די פאדערשטע פליגל האבן א פגים פון הויטיקע אייבערפליגל|...|."

איבזר איסעל, 1, 150.

|1926 - 1931| " ער האט זיך לאנג געוואשן אונטער דעם

889 קאלטן קראן, געקנייטשט ס'הויטיקע פנים".

אפאטאשטו, 9, 188.

2. אין א צונויפהעפט מיט אן אדיעקטיווישן באשטימטייל,

וואס כאראקטעריזירט די הויט.

% שווארצהויטיקע נעגערס.

1968 " די בעטלערקע איז געווען א הויכע, א דארע,

895 א טונקל=הויטיקע, פארברענט פון דער זון".

יזב 2, 379.

|| **הויטיקייט** – <u>די, בא. (שנש)</u> די אייגנשאפט פון זיין
הויטיק.

1966 " די גאנצע משפחה איז געווען פון אזא טונקל=פארביקער
**הויטיקייט**". 893
<u>שפיגל, 4, 287</u>.

ה ו י ט ל א ג - דער. ען. (אנאט) דער איבערטער שיכט
פון דער הויט אויפן קערפער.

1927 " דער הויטלאג פון דער הויט איז אונדזער טאפארגאן
און גיט אונדז אפריער צו וויסן וועגן פארשיידענע
ווירקונגען וואס קאנען אונדז שאטן אדער נוצן ברענגען".
בערלס, 1, 58.

הויטלויז – <u>די, לייז.</u> (<u>זאאל</u>) לויז וואס האלט
זיך אויף דער עיקר אויף דער הויט.

1973 " די גרעסטע פלאג איז געווען די <u>הויטלויז</u>,
920 וועלכע האט זיך דער עיקר געפונען צווישן די פיס,
אונטערן ארעם און אין יעדן באהאריקטן קערפעטייל".
<u>פרייבערג, 1, 287.</u>

ה ו י ט ל ע ן  ז י ך ס אוטוו. (שנש) ווערן ווי הויט,

באדעקן זיך מיט הויט.

1933 " |איר| ווילט ניט זען די גרויסקייט, וואס האט דערוויי

894 קיין הויט ניט,// וואס בלוטיקט נאך און רויטלט זיך,|...|

און פאנצערט זיך און הויטלט זיך, און גרויסקייט ווערט

אלץ גרעסער".

האפשטיין, 4א, 70.

ה ו י ט מ ו ס ק ל - דער, =עז. |סטוטש 240|. בנב.

ה ו י ט פ א ר ב - די, =ן. דער קאליר פון דער הויט.

1927 " געלויכטן האט דעמאלט זיין הויטפארב ווי זונשיין,//

926 און זאנגעבבלאנד זענען געווען זיינע האר".

מ.ל. האלפערן, 2, 49.

ה ו י ט פ א ר ע - די, =ס. =ען. (ס'רוב אין מצ)

(אנאט) זייער קליינינקע עפענונגען פון די שווייסריזן אויף דער אייבערפלאך פון דער הויט.

1921 " אין דער הויט געפינען זיך א סך קלייניקע דריזן.

925 זיי עפענען זיך אויף דעם אייבערפלאך פון דער הויט מיט קלייניקע עפענונגען - די הויטפארעס".

איבן איסעל, 2, 36.

1927 " אין דער הויט געפינען זיך א סך קלייניקע גילעכלעך,

929 וואס עפענען זייערע פיסלעך צום אייבערפלאך פון דער הויט - די הויטפארען".

בערלס, 1, 59.

ה ו י ט = פ ל י ג ל ד י ק ע - די, מצ. (זאאל)

א שטארק פארשפרייטע ריי פון אינסעקטן, וואס האבן צוויי פאר דורכזיכטיקע, צו הויט ענלעכע, פליגל|ביבער, 17,1|.

% די בינען און וועספעס געהערן צו די הויטפליגלדיקע.

ה ו י ט פ ל ע ק - <u>דער, =ן.</u> |<u>סטוטש 521</u>|.

א פלעק פון טונקל ברוינעם קאליר, וואס טרעפט זיך

ביי געוויסע מענטשן אויף דער הויט.

% מע האט אים דערקענט לויטן <u>הויטפלעק</u> אויף דעם בויך.

ה ו י ט ק ל י נ י ק - <u>די, =עס.</u> מעדיצינישע אינסטיטוציע

צו היילן הויטקראנקייטן.

ה ו י ט ק ר א נ ק יי ט - די, =ן. קרענקלעכע פארענדערונגען

אויף/פון דער הויט מיט באשטימטע סימפטאמען.

% די הויטקראנקייט האט מען געהיילט מיט רענטגען באשטראלונג.

1965 " די רעפאטריאנטן האבן מיטגעבראכט פון זייערע

930/1 וואנדערונגען אלערליי הויטקראנקייטן |...|".

פער 107, 464.

ה ו י ט ר יי ס ע ר – דער, =ס. דזוו הויטשינדער.

1957 " |...| קודם באדינגען זיך |מיטן בעל=מלאכה|,

ווייל ער איז איין הויטרייסער אין דער וועלט". 932

ביקל, פער 9, פסח=נומער, ז׳ 84.

1972 " די קונים, וואס האבן געקויפט פאר די לעצטע גראשנס

א שטיקל ברויט, |...| האבן געקוקט אויף די הענדלערס 931

ווי אויף גבירים, הויטרייסערס – און זיי קיין גוטס

נישט געוווּנטשן".

ראזענפארב, 2, 78.

ה ו י ט ש ט א ף - <u>דער, בא.</u> |<u>סטוטש 249</u>| <u>. בנב.</u>

<u>רעד:</u> סטוטשקאוו גיט: "הויפטשטאף, צעלולאזע",

ווי ס׳וואלטן געווען סינאנימען איז דאס אזוי?

ה ו י ט ש י נ ד ע ר - <u>דער, =ס.</u>

1. דער וואס באשעפטיקט זיך מיט שינדן הויט פעל פון א בעל=חי.

1948 " עס עקלט מיך |...| דער קאלטער <u>הויטשינדער</u>

936 פון פרייסן, דער פאבריקאנט פון מענטשנזייף".

<u>סעגאלאוויטש, 12, 208</u>.

2. (<u>פיג</u>) דער וואס נעמט צו הויכע פרייזן, וואס נוצט אויס; באררייסער.

1882 " |...| איז ער אבער א שווינדלער, זאלן קריסטן זען,

939 אז יידן פארדיעקן ניט אויף די פע ערן פון זייערע ברידער,

און יידן וועלן ניצול ווערן פון א <u>הויטשינדער</u>".

<u>פער 74, נ׳ 30, ז׳ 467</u>.

|| <u>הויטשינדעריי</u> - <u>דאס, בא.</u> דאס פארנעמען זיך שינדן די הויט (ביידע באטייטן). % ס׳איז א <u>הויטשינדעריי</u> צו נעמען אזעלכע פרייזן!

ה ו י ך - <u>אדי/אדוו,</u> <u>קאמפ׳</u> <u>העכער</u>. 1.א. באטייטיק

גרויס אין ווערטיקאלן אויסשפרייט, אין אויסמעסט פון

אונטן ארויף ( פארקערט פון נידעריק).

% א <u>הויך</u> הויז. א <u>הויכע</u> סאסנע. א <u>הויכער</u> קוימען פון א

פאבריק. <u>הויכע</u> בערג.

... " אויפן <u>הויכן</u> בארג, אויפן גרינעם גראז // שטייען

1036/1 א פאר דייטשן מיט די לאנגע בייטשן".

<u>פל.</u>

... " איך וואלט אויפגעריכט די שול, איך וויל זי זאל

1174 אויך זיין <u>הויך.</u> זי זאל אויך שפארן אין הימל אריין |...|".

<u>דאס קראנקע יינגל.</u>

1923 " |...| איך האב מיך אויס מיט ברעג פון נאכט

געזעגנט,// האט שוין מיין אויג מיט העלער שיין בארעגנט //

דעם ברייטן גלאנץ פון דיינע <u>הויכע</u> זיילן".

<u>האפשטיין, 2א, 57.</u>

1972 " זאקאפאנע... דא ערגעץ האט געדארפט זיין דער וועג

אונטער די רעגלען, הויכע ווענט פון גרינס קלעטערן ארויף |...|"; 1174/2

ראזענפארב, 1, 419.

1ב. (ספעצ. וועגן מענטשן, בעלי=חיים) אויסגעוואקסן גרויס.

% א הויכער בחור. א הויכע יידענע. א הויכע זשיראפע.

1873 " ארויסגייענדיק איין מאל אויף דעם הויף, איז דיר

אנטקעגן געקומען אונדזער הויכער גאלאזאנסקער האן".

מענדעלע, 9, 50.

1903 " ארייננעקומען |...| און האט געטראפן א הויכן,

טרוקענעם פארשוין מיט א בראנדזן גלאנצנדיקן פנים". 1174/4

שלום=עליכם, 27, 153.

1922 " פעסיע, |...| א הויכע, א דארע ווי א שטעקן |...|".

מלאך, 1, 10. 1174/5

1973 " די צוויי שיקסלעך, הויכע, שיינע, מיט אינטעליגענטע

פנימער, האבן זייער טאנץ דורכגעפירט מיט גרויס גראציע |...|".

בלומענטאל, 1, 179.

1ב. רעלאטיוו הויך אין פארגלייך מיט אן אנדער אביעקט פון

זעלבן מין.

% הויך גראז. הויכע קנאפל. דער בחור האט א לענגלעך פנים

מיט א הויכן שטערן.

1883 " |...| איך וואלט איר מאכן די באקן העכער

|געשוואלן| פאר דעם נאז". 981

סאפיר, 2, 47.

1943 " |...| די מיידן אבער זיינען אלע געזעצטע, איינע

איינע איין איינע, מיט הויכע בוזעמס און ברייטע ווייכע היפסן". 981/1

דעמבלין, 3, 9.

1956 " |...| זיינען |...| אדורכגעגאנגען די גיזאנדטע
981/2 מיט הויכע היט |...|".
מארקיש, 10, 168.

2. וואס געפינט זיך א (רעלאטיוו) גרעסערן (ווערטיקאלן) מרחק פון עפעס וואס איז אונטן פון דער ערד, פון דער (דער פאדלאגע א"ע). א צימער מיט א הויכן סופיט. די לבנה איז שוין הויך אויפן הימל. ארויפקריכן הויך אויפן בארג. די אדלערס נעסטן אויף הויכע ערטער.

1875 " |...| באדיונגען נעמען יודלען באלד,// ציען אים
1177/1 אויס, מחילה העט=העט הויך,// פארען אים די ביינער דארט מיט גוואלד".
מענדעלע, 10, 144.

... " די זון האט פריילעך אראפגעקוקט פון איר הויכן
1177/2 געצעלט, פונעם לויטער בלויען הימל".
שלום=עליכם, 1ג, 50.

1911 " |...| און זיין גאט אויף זיין שפראך דאנקענדיק,
שטייגט דער זיגער אלץ העכער און העכער".
פרץ, 17, 403.

1951 " הויך האט מען געטראגן די הייליקע בילדער |...|".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 1227. 1177/3

3. באטייטיק גרויס אין צאל, סכום, אינטענסיווקייט.
% הויכע פרייזן. הויכע פרעקווענץ. הויכער בלוטדורק.
הויכע ארבעטס=פראדוקטיוויט. היינטיקס יאר איז א הויכע
גערעטעניש. דער קראנקער האט א הויכע טעמפעראטור.
די ארבעטער פאדערן העכערע לוינען.

1928 " |...| די ארבעט גופא איז נגט אזוי שווער, ווי
דאס באקן פון דער זון |...| ווען ניט די הויכע 1214
מקחים, וואלט קיינער ביי אזא ארבעט ניט געבליבן".
איזרא, 1, 21.

1951 "|...| דער טראנספארט פון געהילץ |...| איבערן

1214/1 ניעמאן האט באטראפן <u>הויכע</u> קאפיטאלן".

<u>ל. סאווידזש, פער 106, 1175.</u>

1973 " אין דער צייט פון וועד ארבע ארצות זאלן יידישע

1045 תקיפים האבן ארויפגעלייגט <u>הויכע</u> שטייערן |...|".

<u>באשעוויס, פער 155, IV /27.</u>

4. זייער חשוב, בכבודיק, וויכטיק, וואס פארנעמט א בעסערן ארט אין א געוויסער היערארכיע, קלאסיפיקאציע.

% <u>הויכער</u> ראנג. <u>הויכע</u> מדרגה. <u>הויכע</u> אויסצייכענונג.

<u>הויכער</u> באאמטער. די לערער האבן אלע <u>הויכע</u> בילדונג.

דער תלמיד איז אריבער אין א <u>העכערן</u> קלאס.

די אפעלאציע וועט באטראכט ווערן אין <u>העכסטן</u> געריכט.

דאס בוך האט באקומען א <u>הויכע</u> אפשאצונג פון דער קריטיק.

<u>הויך</u> שאצן/האלטן. האבן א <u>הויכע</u> מיינונג וועגן דעם שרייבער. יענער געהערט צו דער <u>הויכער</u> געזעלשאפט.

|אנהייב XIX י"ה| " |איר| גייט אין ווייסע שיך מיט

1207 טלית=קטן דרויסן, זענט איר שויך חשוב און הויך?".

אנ, גענארטע וועלט, 1, 60.

1894 " אינעם מארק פון די ביינער דארף זינגען, דארט דארף

1207/ד זיין דער ניגון – דער העכסטער שבח פאר גאט, ברוך=הוא".

פרץ, 17, 109.

1916 " אפילו די אויסגעפוצטע פאסאזשירן פון די העכערע

1207/1 קלאסן |אויף דער שיל| האבן זיך נישט געקאנט איינהאלטן |...|".

מ. וויינרייך, 4, 54.

1953 " |...| ס'איז גענוג צו דערמאנען דעם הויכן סאציאלן

1207/2 אנזען, וואס עס געניסן פון אים די קוועיקערס סיי

אין ענגלאנד סיי אין אמעריקע".

ח. גרינבערג, 2, 307.

5. דערהויבן (מאראליש, אינטעלעקטועל), פיל מיט טיפן אינהאלט, עלווידל.

% הויכע אידעען. הויכע כוונות. הויכע מידות. הויכע געפילן.
דאס בוך איז דורכגעדרונגען מיט הויכער מענטשלעכקייט.
די מקובלים זענען פארטראגן אין הויכע וועלטן.

1850 "...| אויך האבן זיי |די חכמים| געזאגט, אז דער
1208 סוד פון עולם הבא איז זייער הויך און פארהוילן".
מכיר, 2, 23.

1895 " גאר אין א ווינקעלע איז געשטאנען א קופקעלע
1080 מענטשן און האבן זיך פארטיפט אין גאר הויכער חקירה".
לינעצקי, 9, 127.

1945 " דער עולם |...| טרייבט הויכע און דרייסטע דיספוטן".
1208/1 סעגאלאוויטש, 9, 48.

1960 " אפילו דער ערנסטער געדאנק, וואס ווערט ארויסגעזאגט,
1208/2 איז נישט מער ווי אן אפשטראל פון א העכערן געדאנק".
גלאטשטיין, 2, 247.

6. איכותדיק זייער גוט.

% __הויכע__ מייגסטערשאפט. סחורה פון __הויכער__ קוואליטעט.
ער איז א מענטש פון א __הויכער__ קולטור.

7. (__וועגן רייד, שריפט, אפט איראניש__) שיין קלינגענדיק,
מליצהדיק, אויסגעקליבן;

% __הויכער__ סטיל. __הויכע__ רייד.

... " ...| דער דאקטאר |...| האט ליב איבערצושיטן זיין
1172 שפראך מיט זייער פיל __הויכע__ ווערטער".
__שלום=עליכם, 2ג, 9 (?3)__.

1902 " ...| אדער מען דארף זיך אפגעבן נאר מיט דער
1027 קליינארבעט און אוועקווארפן די ׳__הויכע__ דיבורים׳
וועגן דער סאציאלער רעוואלוציאן".
__פער 8, נ׳ 14, ז׳ 116__.

1966 " מיט |...| הויכע פראזן, אראַטארישע עפעקטן קאנט

974 איר מער קיינעם נישט אפנארן".

א. ציישלין, פער 69, !!V/8.

8. (וועגן שטימע קלאנגען)ביי זינגען, שפילן) זייער דין,

אין א העכערער פרעקווענץ. אויף א הויכן פאלצעט.

1901 " אין דעם לעצטן ווארט |...| האט ער |דער חזן|

1026 געוואלט |...| ארויפכאפן זיך גאר אויף דער הויכער

אקטאווע |...|".

רייזען, 3, 7.

9. (וועגן קול ביים רעדן, שרייען, רופן אד"גל).

שטארק קלינגענדיק, גרינג צו הערן (פארקערט פון שטיל).

% רעדן הויך. זאג עס העכער, מע הערט נישט! א הויך

געלעכטער. זינגען הויך.

1892 " איינער כאפט נאך א דרימל, דער צווייטער לאזט
ארויס א הויכן גענעץ".
פרץ, 17, 62.

1916 " א גראבער יונג איז ער אויך געווען א גוטער און
האט ליב געהאט דאווענען דווקא הויך".
שלום=עליכם, 38, 140.

|1931 - 1926| " נאך די פיש האט דער פאטער זיך אויפגעשטעלט,
950 הויך געמאכט א ׳בורא נפשות"".
אפאטאשו, 8, 98.

1951 " פון טרעפנהויז הערן מיר א שווער געגיי פון א סך
950/1 באשטיוולטע מענטשן. מיר הערן הויכע גוישע קולות".
טרונק, 8, 235.

10. (<u>נאר אדוועדביש, פאר אן אדיעקטיוו, עמפאטיש</u>)

זייער, א סך, שטארק, ביז גאר.

% <u>הויך</u> געלערנט. <u>הויך</u> קלינגענדיקע רייד. א <u>הויך</u> טאלענטירטער קינסטלער. א <u>הויך</u> אנטוויקלטע לאנדווירטשאפט. <u>הויך</u> געשעצטער פריינד (געניצט אין ווענדונגען, ווי א העפלעכקייט=פארמע).

|1888?| " ער האט |...| דערזען ווי צוויי <u>הויך</u> געשעצטע
|...| דאמען שטייען הינטער דער קיכטיר". 1314

<u>שלום=עליכם, 2ג, 14.</u>

1928 " |...| עס שטימט זיכער ניט מיט דער <u>הויך</u> געשעצטע
אויטאריטאטיווער מיינונג פון דעם רעוואלוציאנערן 1222
מארקסיסט ד. בערגעלסאן".

<u>ניגער, 3, 130.</u>

1954 "צווישן אט די דאזיקע כעלעמער עמיגראטן האבן זיך
969 שוין געפונען גאנץ הויך אינטעליגענטע לאנדסלייט".
ב. בינשטאק, יזב 10, 695.

0 אין דער הויך - אדוו פר, פפ אין דער הייך.

1. (אויף) אויבן, אויף ארויף.

% וואַרפן דעם באלעס אין דער הויך.

רעד: פאר וואס פסלען די ווייַנרייכס "אין דער הויך"?!
ביי אונדז (לויצק, וואלין) האט מען בפירוש
ארויסגערעדט אין דער הויך (און ניט "אין דער הייך")
אין די דאזיקע באטייטן. דאס איז שייך ניט צו
אינטעליגענטן - אזוי האבן גערעדט אויך מיינע
טאטע=מאמע, זיידע=באבע, פראסטע יידישע יידן.

1925 " |...| דעם קאפ טראגט ער אין דער הויך, ווי אן

אלט קייזעריש פערד, אונגעשפארט אין א מיסט וועגעלע, 1222/1

ווען עס דערהערט די באנדע שפילן".

מוירער, 2, 65.

1934 " קארפוסן האבן זיך גערייכערט אין דער הויך,

ווי דורכגעצערטע בעטאנענע וואלקנס |...|". 1222/2

מארקיש, 6, 171.

1964 " א יינגל א קליינטשיקס, קוים זיבן=אכט יאר,//

א יינגל א יידישס מיט הענט אין דער הויך,// 1222/3

געיאגט צו דעם אויוון, צו פייער און רויך |...|".

א. לעיעלעס, פער 69, x!/6.

2. הויך אויף א קול, ניט זשטיל.

% לייענען אין דער הויך. דאווענען אין דער הויך.

1967 " |...| ווישט די גרויסע טראפנס שווייס פונעם 1222/4

שטערן און דעכעט אפ אין דער הויך".

י. יאקיר, פער 131, נ' 8, ז' 33.

ד א) פּפּ: הויך: ווי א בוים, ווי א סאסנע, ווי א מויער, (איר) ווי א דראנג. ווי עוג מלך הבשן - וועגן א הויך= געוויקסיקן מענטשן.

הויך: ווי דער דאך, ווי א קלויסטער, ווי דער הימל, ווי די שטערן, ווי די כמארעס.

ווי דער אדלער פליט - זייער הויך.

ב) עפּיטעטן:

הויכער אדל - וועגן אריסטאקראטן מיט פיטולן (פרינצן, פירשטן, באראנען, גראפן אד"גל).

הויכער באלדעס - (שלש) וועגן א גוזמאדיק אויסגעוואקסענעם מענטשן.

הויכע געזעלשאפט - אריסטאקראטיע און זייער רייכע לייט.

הויך געלט - (עלט) בנב.

1805 " דיא לייט פרייאן זיך מיט איין גרושי פרייד וועו
1058 אויך זיא זעהין דש די צייט פר אום ווערדיגט איר הויך געלד".
איבז פאוויר, 2, דף כ"ה.

רעד: ס'איז אן איבערדרוק פון א פריערדיקער זאלצבורגער
אויסגאבע פון "בחינת עולם", 1744.

הויכע וועלט - דזוו הויכע געזעלשאפט.

1881 " וויפל טאינע גנבים אבמאנטשטשיקעס |=שווינדלערס|
עס געפינען זיך אין דער הויכער וועלט, איז גאר
נישקשה |...|".
דלוגאטש, 2, 24.

הויכער טאג - שפעטערע שעהען פון פרימארגן.

% שטיי אויף, ס'איז שוין הויכער טאג.

הויכער יאך - (שלש) וועגן א הויכן מענטשן |פער 92, ג' 14|.

הויכער ישראל - (שפאסיק) אפיקורס.

(ווארטשפיל: הויכער ←-- עוכר |אויכער|.

(?נ?) הויכע מאטעמאטיק - צווייטע מדרגה פון מאטעמאטיק, נאך דער עלעמענטארער.

1947 " דאס ראד פון הויכער מאטעמאטיק// האט זיך געדרייט

1132/1 לויט אייביקן דעקרעט |...|".

לעיעלעס, 4, 116.

הויכע נשמה - וועגן א מענטשן פון א הויכער מאראלישער מדרגה, אידעאליסט.

1850 " האט ער|דער זיידע פון יענער וועלט| מעך געבעטן,

1085 אז איך זאל מתקן זיין זיין איייניקל, זי איז א הויכע נשמה

און איז ארייגעפאלן אין דער טיפעניש פון קליפות".

אנ. ס׳ שבחי בעשט, ז׳ 38.

1902 " |...| ער זאל גיין אין מקווה אריין,|...|לייגן

1204 צוויי פאר תפילין, דערציילט אים, אז ער האט א

הויכע נשמה".

לעווינזאהן, 1, 39.

הויכע ספערן - דזוו הויכע געזעלשאפט. אדער הויכע פענצטער.

הויכע ערטער - דזוו הויכע פענצטער.

(?נ?) הויכע פארטע - (עלט) סימבאלישע באצייכענונג פאר דער

רעזידענץ פון טערקישן סולטאן.

<u>הויכע פענצטער</u> - 1. העכערע רעגירונג=אינסטאנצן, אויך
די הויכע באאמטע, פראמינענטע לייט.

% די קאנצעסיע האט ער באקומען, ווייל ער האט פראטעקציע
איין די <u>הויכע פענצטער</u>. <u>אנקומען/אנשפארן איין די הויכע
פענצטער</u> - האבן קאנטאקטן מיט הויכע רעגירונג=לייט.

1888 "|...| שמערל איז א חשוב איין די <u>הויכע פענצטער</u>,
1194 שמערל |...| איז א מאכער ביי די גרעסטע פריצים |...|".
<u>מענדעלע, 3, 250.</u>

1936 " |...| דערפאר זענען זיי געווען פון די <u>הויכע פענצטער</u>,
1065 מיולסים און אריסטאקראטן".
<u>זינגער, 6, 529.</u>

1954 " |...| האב איך מיר מתיר געווען צו גיין איין
1064 יענע <u>הויכע פענצטער</u> |...| איין איינפאכע טונקעלע בגדים".
<u>ח. גרינבערג, 3, 83.</u>

1962 " |...| שטורעמדיקע זיצונגען אין דער דומע |=רוסישער
977 פארלאמענט אין די יארן 1905 - 1917|, די פארלארנקייט
'הויכע פענצטער'".
שניאור, פער 69, 16/IX.

2. (פטמ) טורמע.

1883 " איר וועט בעסער ווערן, געוויס וועט איר ניש ווען
1039 אויף דער עלטער זיצן אין די הויכע פענצטער".
צ.ז. רובינשטיין, 1, 93.

1894 " |...| ער האט פארשאלטן דאס לעבן, וואס ער איז
מרוצה געווען עסן אין די 'הויכע פענצטער'".
גארין, 2, 27.

הויכע קדושה |קעדושע| - תפילות, וואס קהל זאגט צוזאמען

מיטן חזן, ווען ער דאוונט די הויכע שמונה=עשרה:

נאך די אריינפיר=ווערטער "נקדש את שמך בעולם"

קומען געוויסע פסוקים פון תנ"ך, ווי קדוש, קדוש, קדוש".

איז דא א מינהג אונטערצושפרינגען. וועגן דעם נוסח

פון דער 'קדושה" איז דא א מחלוקת צווישן חסידים

און מתנגדים, פון דאנעט שטאמט דאס ווערטל:

אין ווע׳מעס/וואסער שול מע קומט, אזא קדושה זאגט מען".

(?נ?) הויכער קוק - (לאקל?) פעלער אין דער ראיה, גענויער בבב.

1968 " צווישן די יידן |האט מען| געקליבן די זעלנער

987 ווי די אתרוגים פאר סוכות: א 'הויכער קוק' איז א פעלער,

|...| א פארך, א דארער גרינד אדער א פלאטפוס און

א רינענדיק אויער |...|, אלעס איז געווען א מיחוש".

רוזמאן, יזב קארפאטנרוס, ז' כל"א.

<u>הויכע שמונה=עשרה</u> | שמאנעסרע | - נאמען פון א תפילה,
וואס באשטייט פון אכצן ברכות, ווערט געזאגט דריי מאל
אין טאג, אין שחרית, מנחה און מעריב, שבת און יום=טוב
נאך איין מאל ביי מוסף=דאווענען; שמונה=עשרי געהערט צו
די עלטסטע תפילות ביי יידן; די תפילה ווערט געזאגט
דורכן קהל שטייענדיק, שטילערהייט, דערנאך זאגט זי דער
חזן נאך א מאל אין דער הויך(פון דאנען דער נאמען) און אין
מיטן דער "<u>הויכער שמונה=עשרה</u>" קומט אריין די קדושה.

1863 " |...| אלע דינים פון דער <u>הויכער שמונה=עשרה</u>,
וואס דער חזן זאגט |...|". 1075
<u>דאנציג, 2, דף ב/ב.</u>

1895 " מען זאגט ניט די הויכע <u>שמונה=עשרה</u> סיידן עס איז
דא פֿאטש זעקס מענטשן וואס האבן געדאווענט אין איינעם
די שטילע שמונה= עשרה".
<u>אנ, ס' מקור הברכה !!, דף כ'.</u>

ג) מיט ווערבן:

האלטן הויך (עמעצן) - (עלט) זייער רעספעקטירן. האבן זייער א גוטע מיינונג וועגן אים.

האלטן זיך הויך - (עלט) האלטן זיך גרויס, מיט גאווה, בארימען זיך.

1872 " |...| דערווייל ער מוז שטארבן, דא וועט ער זיך ניט הויך האלטן". 1321

צאינה וראינה, 3, בראשית, ז' 8.

האבן א הויכע מיינונג (וועגן עמעצן) - זייער האלטן פון יענעם, האבן זייער א גוטע מיינונג וועגן אים.

האבן א הויכע מיינונג וועגן זיך - זיין זעלבסטזיכער, זיין גאווהדיק, בארימעריש.

<u>האלטן הויך די נאז</u> - ארויסווייזן גאווה, פארריסנקייט.

<u>האלטן הויך דעם קאפ</u> - זיין שטאלץ.

<u>זיין אין די הויכע וואכן</u> - וועגן א מעוברתער פרוי, איז שוין נאענט צום האבן דאס קינד.

1909 " ווען זי איז אוועקגעפארן, איז זי שוין געווען
983 אין די הויכע וואכן".
<u>סעקלער, 1, 22.</u>

<u>זיין (קומען, ארייננגיין) אין די הויכע חדשים</u> |כאדאשים| - זיין אין די לעצטע חדשים פון שוואנגערשאפט.
1893 " ליזא <u>איז אריין</u> אין די <u>הויכע חדשים</u> , דאס צווייטע
1044 יאר קעסט האט זיך געענדיקט".
<u>גארין, 1, 52.</u>

1958 " וועך זי אין געקומען אין די הויכע חדשים,

1079 האט זי געמוזט אויפגעבן איר דזשאב".

י. קערשט, פער 155, $\bar{x}$/7.

זיין (אריינגיין) אין די הויכע פעדערן – 1. פארנעמען

א וויכטיקן פאסטן, א חשובע ראל אין דער געזעלשאפט.

2. (רעג. גאליציע) "זיין משוגע"|קטוו|.

זיין הויך מיט די פיענטעס – (לאקל, סאנץ) זיין א בעל=גאווה.

זיין אין די הויכע זיבעציקער ( אכציקער, ניינציקער) –

אין די לעצטע יארן פון דעם געגעבענעם צענדליק יארן.

% דער ייד מוז שוין זיין אין די הויכע אכציקער, אבער ער

האלט זיך פעסט.

טראכטן הויך – טראכטן, אנטוויקלען א געוויסן געדאנק,

ארויסזאגנדיק אים אויף א קול.

ש א צ ן / ש ע צ ן  ה ו י ך – שטארק רעספעקטירן עמעצן.

1315 ... " ווערט דער נאַר הויך געשעצט, דער רייכער מאַן – אראפגעזעצט".

פרץ, 14, 193.

1951 " ער איז געווען הויך געשעצט אין באליבט פון יידן און ניט=יידן |...|".

י. העלער, פער 106, 1411.

ד) שור:

אויבן אין דער הויך, זענען אלע גלייך.

אז דו קריכסט צו הויך, וועסטו אראפפאלן אין מיסטקאסטן.

פלי ניט צו הויך, זאלסט ניט דארפן אראפפאלן.

אז מע פליט צו הויך, קערט זיך איבער דער מוח. (וואר:

אז מע פליט צו הויך, פאלט מען צו נידעריק).

לעבעדיק און הויך, אז סע גייט א רויך.

הויך איין דאר און שמעקט מיט נאר (וואר: הויך און דאר כאטש
אין קוימען שפאר).

צו הויך טאר מען זיך ניט אנמעסטן.

אויב דו קוקסט אויף הויבע זאכן, האלט צו דאס היטל.

אז עם=הארץ טאר הויך ניט דאוועגען.

קוק אראפ וועסטו וויסן ווי הויך דו שטייסט.

קללות:

נא דיר מיינע צרות, וועט דיר זיין הויך צו קאפנס!

ם
הויך/הוך, הוה.

------> 1א.

1544 " דא לאגן דיא פלשתים אויף איינם בערג זוא

965 הורן// אויף איינם אנדרן בערג שאול גיגן אין צוך".

שמואל=בוך, סטר׳ 302.

1610 " זי גידענקן איר זוין אונ׳ איר טוכטר איר אפפר

965/1 שטול אונ׳ איר לינדן בייא דען בויימן צווייגן אויף

דעם בוהיל דען הוכן".

טייטש=חומש, ויקרא (בחוקות, הפטורה, ירמיה יז - ב).

-----> 1ב.

1626 " אזו אויך זיינן אונזר, טעכטר הורן גוויקס".

א ס׳ המגיד, 1, תהילים, קמד - יב.

------> 2.

1743 " דען גאט זיצט הויך אונ׳ זעהט נידר אויף דיא ארמין".

שארית ישראל, הקדמה.

------> 4.

1676 " ער וויל זיך גידענקן איך בין פון איינר האכי משפחה |...|".

ברנט שפיגל, פרק כ"ח.

1743 " |...| דא דורך איז דר רמב"ם זייער חשוב און הויך גווארן בייא דען קיננג אונ׳ זזייני העריך". 1001

שארית ישראל, דף ס"ג.

------> 5.

1696 " |...| דען דיר זיא זיינן טיף דייני (מחשבות אונ׳ זיא זיינן הוך דייני דרכים". 964

סידור |תפלה למשה, דף קס"ט.

1723 " |...| אונ נאך אנדרי סודות פון דעם הויכי ליכט וואז אונש ניט מיגלך איז אום צו בישרייבן". 1187

לב טוב, 2, דף 154.

.7 <-----

1716 " |...| אדר ווייל דיא זאכן זיינן צו טיף אונ׳

998 פיין אונ׳ דז עש איז איין אן גינעם אונ׳ הוך לשון".

חובות הלבבות, 1, דף קב"ג.

.9 <-----

1544 " איך לוב מיט הוהר שטים גוט דען האן מיין".

998/1 שמואל=בוך, סטר׳ 1694.

1724 " |...| דרום מגין מיר הוך תפלה טן אלי ווייל |...|".

998/2 ריח נחות.

.10 <-----

1732 " |...| פיל וויניגר וויא עם הסחורה דיא זויא

1168 הניך על היריד כאן בניטיגט |...|".

אגרת שלמה, דף ח.

1666 " |...| הש"י וויל אונז ארץ ישראל דאז <u>הויך</u>

1306 גילובטה לאנד |געבן|".

<u>איין שיין נייא ליד פון משיח". דף י׳.</u>

<u>הויך האלטן.</u>

1676 " |...| לויט |=לייט| דיא מן הוט <u>הויך גיהלטן</u>

1322 אין דער וועלט דיא הלט מן דארטן |אויף יענער וועלט|שמעך".

<u>ברנט שפיגל, פרק ו.</u>

<u>האלטן זיך הויך.</u>

1626 " איין האפרטיגר מן דער <u>זיך הויך האלט</u> אונ׳ זאגט

1326 איין פסק געך אויס, דער זעלביג (יהרסנה) צו פירט

דיא ערד".

<u>ס׳ המגיד, 1, משלי, כט - ד, ה.</u>

ה ו י ך II - דער, =ן, (זן), וווס פון הויכן.

1. אן אנזעעוודיקער, פיליקער אטעם, א שט ילער בלאז פון אן אפענעם מויל.

% ארויסלאזן א הויך. א ווארעמער הויך.

1892 " זי ווייסט, אז א מענטש איז זינדיק... ערגער איז אין די טעג, ווען אן אישה איז פול מיט שדים, |...| ווען אן איז טאר נישט קוקן אין שפיגל אריין, |...| איר הויך איז דאך דעמאלט פול מיט טומאה".

פרץ, 17, 75.

1908 " דו געהערסט מיר... מיר בלייבן פאראייניקט ביז אונדזער לעצטן הויך". 984

אפפעלבערג, 1א, 70.

1928 " קיין מענטש |...| האט ניט געענטפערט... קיין שארך, קיין הר, |...| קיין הויך פון לעבעדיקן אטעם". 1188

ראבאן, 1, 614.

1956 "|...| זיך אויף שניי האט דער יעפרייטער צוגעשפּארט,

מיט אויגן אפענע דעם לעצטן <u>הויך</u> ארויסגעאטעמט". 1055

<u>מארקיש, 223,10</u>.

2. זייער דינער, דורכזיכטיקער שיכט, וואס באדעקט עפּעס ווי א שלייער.

% די פלוימען זענען באדעקט מיט א ווייסלעכן <u>הויך</u>.

3. <u>(פיג)</u> א שטיל, קוים געפילט ווינטעלע, א בלאז פון עפעס (א ריח <u>אד"גל</u>).

1892 " פון ציון אויך זיך טראגט א <u>הויך</u>, // מען הערט

אוןשפירט אים קוים,// ער גריסט און קושט אין 1018

יעדער ברוסט,// ארייך א גאלדענעם טרוים".

<u>יהואש, ליד, " ציון=ליבע"</u>.

1911 " א דינער אומזיכבארער הויך שלאגט פון זיי |פון די

1018/1 זאנגען| ארויף און באהעפט זיך מיט דער גרינגער לופט".

מ. בלינקין, פער 125, נ׳ יאנואר, ז׳ 12.

1965 " פון ים האבן אנגעבלאזן ווארעמע הויכן |...|".

961 באשעוויס, פער 155, $\bar{X}$/1.

4. (פיג. דיכטעריש) קוים באשטימטע שפירונג, איינדרוק.

1930 " |...| דאך ליגט א געוויסער הויך פון פאעזיע

1180 אויף דעם עלנטן קווארטאל, און דאס איז די ליבע צו בלומען".

איינהארן, 7, 244.

1934 " |...| און יעדער שפאן אין ווילדן טייגישן באראט,

1180/1 באטעמט ווערט מיט הויך פון ווייטער רויטער שטאט".

האפשטיין, 5, 169.

1938 " יעדער אנהייב האט דעם זיסן הויך פון באגין,//

1178 און יעדער סוף - איז א מידקייט און אן אומעט".

קאראלניק, 1, 229.

7

האבן א האפט ווי א הויך פון א דודע - ניט האבן קיין האפט,
קיין ממשות.

גרינג ווי א הויך - וועגן עפעס וואס איז זייער גרינג,
ס'וועגט כמעט גארניט.

מע קען עס (אים/זי) אוועקבלאזן מיט א הויך - דוזד דפוו.

מע שרעקט זיך פאר זיין הויך - מע האט זיך שטארק מורא.

1897 " דו וואלסט זען, ווי א באווייבטער באקינדלטער
וועבער |...| בייגט זיך און נייגט זיך פארן ברויטגעבער
מיט זיינע 'מענטשן', |...| ווי ער ציטער פאר זייער הויך".
פרץ, 17, 185.

ניט לאזן פאלן (וואר: ניט געבן) קיין הויך - שטארק ציטערן
איבער עמעצן, שטארק אפהיטן.

|1905-1902| " א כלה=מיידל דארף זיין ווי א שפיגל...

און איך האב מיינס באוויזן: עס איז אויף איר קיין

אויך נישט געפאלן! געהיט האב איך זי, קיין אויג נישט

אראפגעלאזט".

פרץ, 17, 346 |396?|.

1932 " אויף נחומטשען האט ער קיין מאל |...| קיין הויך

1196 נישט געגעבן".

זינגער, 5א, 72.

ה ו י כ = ... – באשטימטייל פון צונויפהעפטן, באטייט:
וואס איז (ווי) הויך, שייכדיק צו הויך, הויכקייט.

% הויכבאן, הויכלאנד, הויכשול. הויכגעוויקסיק, הויכראנגיק א"א,

ה ו י כ א ו י ו ן - דער, =ס. שמעלצאויוון

(פאר מעטאלן א"ע) |פינקעל, 1, 17|.

1973 " הויכאויוון= צעמענט |...| איז א סארט פון א

1269 ספעציעל גוטן צענענט, וואס ווערט פראדוצירט פון

אייזנשמעלץ פון הויכאויוון נאכן אויסגיסן דאס אייזן".

פרייבערג, 1, 357.

303 ה־

ה ו י כ <u>א</u> כ ט ו נ ג - <u>די, בא.</u> (<u>עלט</u>) גרויסער דרך=ארץ, רעספעקט.

1905 " |...| דעם אמת געזאגט, פארדינט דאס יידישע פאלק

1271 פיל <u>הויכאכטונג</u> אפילו אין איר |?| זינדיקן צושטאנד".

<u>ווערניקאווסקי, 2, 24.</u>

ה ו י כ א ר ט י ק - אדי/אדוו. זייער שיין/גוט, פון
א הויכער מדרגה.

1901 " |...| דאס האט מיר אנגעמערקט, ווי הויכארטיק
1275 א יידיש ווארט איז".
אלפס, 4, 28.

רעד: ס'איז ניט דייטשמעריש - איין דייטש ניט
געפונען אזא ווארט!

ה ו י כ ב אַ ן - די, =ען.

1. א באן=ליניע, וואס איז א יסגעלייגט אויף בריקן
איבער די גאסן פון א שטאט.

1961 " פון אויבן, אויף אייזערנע שטאלצעס, די הויכבאן".
י.י. שווארץ, 5, 27. 1277

2. דער צונויפשטעל פון וואגאנען און לאקאמאטיוו וואס פארט
אויף אזא באן=ליניע.

1931 " די משוגענע שטאט האט געקלאפט מיט אירע הויכבאנען,
טראמוואיען און א יטאמאבילן". 1280
ל. שאפירא, 2, 185.

(?נ?) ה ו י כ ב א ר ג י ק - אדי.

1. וואס געפינט זיך אויף הויכע בערג.

% הויכבארגיקע פלארע.

2. (פיג, שנש) שטארק קלינגענדיק (וועגן קול, קלאנגען).

1967 " איר הערט, - קלינגט איצטער גיטלס קול הויכבארגיק

1282 - אט די ווערטער וועל איך ניט פארגעסן אפילו |...|

אויף דער מיטה".

י. יאקיר, פער 131, 30.

(?נ?) ה ו י ך = ב ו ז ע מ ד י ק – <u>אדי.</u> מיט א הויכן, בולטן ביוסט,

% א הויכבוזעמדיקע מויד.

308 ה-

ה ו י כ ב ל א ט - דער/דאס, ~ בלעטער. (באט)

בנב |סטוטש 249|.

א ו י כ ב ר ו סט י ק – אדי. דזוו הויכבוזעמדיק.

1971 " זי באגערט דיך |...| און זי איז ווייבלעך און

1287 הויכברוסטיק".

י. עלבערג, פער 155, 8/V.

ה ו י ך = ג ע ב א ר ן / ג ע ב ו י ר ן - אדי.

1. (עלט) פון א ייחוסדיק, אריסטאקראטישן/אפשטאם.

הוך גיבורן:

1544 " ער ווערט משיח זענדן דער קויניג הוך גיבורן".

1290 שמואל=בוך, סטר 46.

1666 " הערט וואז אונדזר מלך האט גיטאן שבתי צבי

1289 הויך גיבארין |...|".

איין שוין נייא ליד פון משיח, דף ו'.

1734 " |...| זעהר גיעהרטי הויך גבאהריני אליר שענשטי

1291 |...| פיל גליבטה כלה |...|".

לשון זהב, דף 4.

ה-

311 ה ו י כ ג ע ב ו ר ט - דאס, בא. (עלט) געניצט אין

וועגדונגען צו הויכע אפיצירן און אדללייט אין אמאליקן

רוסלאנד: "אייער הויכגעבורט", אויך "אייער הויך וווילגעבורן"

1931 " גאט זאל דיך בענטשן, הויכגעבורט!".

לייוויק, 4א, 61. 1293

1956 " |...| גנעדיקער פאן שפעק! |...| זאל אים זיין

הויכגעבורט אויף שטיקער שניידן". 1294

מארקיש, 11, 369.

312 ה-

ה ו י כ = ג ע ו ר י ק ס י ק - אדי. פון היכן ווהקס.

שטארק אויסגעוואקסן.

% א הויך=געוויקסיקער בחור.

1901 " ווען דו ביסט א הויך=געוויקסיקער מאן און דיין

פרוי א נידעריקע |...|". 1301

אלפס, 4, 37.

1929 " יעמעליאן פון קאבילניק, דער הויך=געוויקסיקער|...|".

קולבאק, 4, 29.

ה ו י כ ג ע ר י כ ט - דאס, =ן. העכסטע געריכט=אינסטאנץ;

דאס העכסטע געריכט |מארק ווב 24|.

ה ו י כ ג ע ש ט ע ל - דער/דאס, =ן. (קצביש)

טייל פלייש פון א בהמה, געגוריער בנב.

1938 " |...| בשאר ארצות חוץ מפולין דבוק בו הוי"ך געשטע"ל |...|

1308 בישקאוויץ, 1, 120.

... " ההוך פלע"ק גו ההויך גישט"ל ובלשון רוסיא

1308 באקי"א וגיד הערוה". דצוו, ד' 121.

ה ו י כ ג ע ש ט ע ל ט – אדי. וואס פארנעמט א הויכן
פאסטן, פראמינענט, אנגעזען.

% הויכגעשטעלטער באאמטער. הויכגעשטעלטע פערזאן.

1868 " |...| לאז אזא הויכגעשטעלטע דאמע בלייבן ביי
דער גוטער מיינונג, וואס זי האט פון יידן".
פער 177, נ' 4, ז' 29.

1916 " |...| איסער דעם געלט, וואס זיי פלעגן באקומען
1311 שפילנדיק אמאל ביים גובערנאטאר, ביים ארכיערעי און אנדערע
הויכגעשטעלטע פערזאנען".
רייזען, $\bar{X}$, 119.

1957 " איך בין נישט קיין געלערנטער מענטש און קאן צווישן
1310 די הויכגעשטעלטע לייט קיין שום ארט נישט פארנעמען".
ה. צייטלין, 1, 252.

הויכדיַטשׁ! – דאס, בא.

1. אַלגעמיינער נאָמען פאַר די דייטשע דיאַלעקטן, וואָס מע האָט גערעדט אין דרומדיקן (הויכלענדישן) טייל פון דייטשלאַנד. (אין אונטערשייד פון נידערדייטש, גערעדט אין צפונדיקן נידעריקן טייל דייטשלאַנד);
הויכדייַטש איז אויך די באַזע פון דער היינטצייטיקער דייטשער כלל=שפּראַך.

2. (איר) שיינע, מליצהדיקע דייטשע שפּראַך.

1951 " די 'דייטשישע שול |...| ווו מען האָט געדאַוונט אין מערב=איראָפּעישן נוסח, |...| וווּהין מען פלעגט קומען אין אַ הויכן שוואַרצן צילינדער און ריידן אויף הויכדייטש". 1320

ש. גרינהויז, פער 106, 1428.

317 ה–

1956 " |...| ער גייט אין הויכדייטש |טעקסט:האכדייטש|

זיך פונאנדער אויף א קול |...|". 1466

מארקיש, 11, 359.

ה ו י כ ד יי ט ש II – אדי. שייכדיק צו הויכדייטש.

% הויכדייטשע דיאלעקטן.

ה ו י כ ה יי ט - די, בא. (עלט).

1. הויך ארט.

2. חשיבות, גרויסקייט, דערהויבנקייט.

1803 " דוא קענשט פינדן |...| די רעכטי שטארקונג אויך

1258 צו מערין די הויכהייט דיא היפשי נוצין פר דיא נשמה".

איבז פאוויר, 1, דף נ"ט.

ם

הוך הייט.

--------> 1.

1744 " דער געטליכר מאן דר הוך איז ביז אן הימל נידרט

1225 ער פון זיין הוך הייט ווידר ארונדר |...|".

בחינת עולם, דף י.

--------> 2.

1743 " אונ׳ זאל זאגן |גאט| דו רשע וויא קומשטו צו

1223 דר ציילין מיין הוך הייט אונ׳ זיכרהייט מיט דיינם מויל".

קב הישר, 2, דף לט.

ה ו י ה ע ר צ י ק - אדי/אדוו. (עלט) .

1. גאווהדיק, גרויסהאלטעריש.

1848 " |...| אבר דער וואש איז הוך העציג כלומר דער וואש איך בייא זיך זייער גרויש קאן בייא אים דיא חכמה ניט האבין קיין רעכטן קיום". 1332

חובות הלבבות, 3, 107.

2. גרויסמוטיק, א ידל, ברייטהארציק |סטוטש 573,566|.

.................................................

רעד: אין דייטש איז טאקע דא נאר דער צווייטער באטייט, אבער מיר האבן ניט געפונען קיין מקור, וואס זאל דאס באשטעטיקן פאר יידיש!

.................................................

ם הוך הערציג.

<-----

1716 " די אונטערטעניקייט פר גאט איז איין אידר דער

הוך הערציג איז". 1330

חובות הלבבות, 1, דף נה.

ה ו י כ ו ו<u>א</u> ס ע ר - <u>דאס, בא.</u>

1. די גרעסטע הייך פון וואסער ביים צופלוס פון ים.

2. זייער הויכער וואסערשטאנד פון א טייך און ס׳איז
דא א סכנה פון א פארפלייצונג.

ה ו י ך = וו י ל = ג ע ב א ר ן - אדי, פפֿ ~ געבוירן.

(עמפּ) דזוו הויך=געבארן.

1936 " |...| הויך=ווויל=געבוירענער און פיינער עולם".

1337 בראדערזאן, 7ב, 14.

ה ו י כ ו ו ה ק ס י ק  –  אדי/אדוו. דזוו הויך =געוויקסיק.

1968 " |...| א הויכווהקסיקער, א גלייכער און מיט
א בארד ווי א וואסערפאל".

ח.גראדע, פער 69, 157/XI.

ה ו י כ ו ו י ק ס י ק - אדי/אדוו. דזוו הויכגעוויקסיק.

1888 " ער |דער גביר| איז א הויכוויקסיקער, מיט |...|

1340 שווארצע האר, א שיינע נאז |...|".

מ. שאצקעס, פער 74, נ׳ 1, ז׳ 160.

(?נ?) ה ו י כ ו ו י ר ד י ק - אדי, (דטשמ) זייער חשוב.

געניצט נאר אין טיטולירן א גלח פון העכערן ראנג

|מארק ווב 984|.

ה ו י כ ו נ ג I - די, בא. אקט אדער רעזולטאט פון הויכן (בלאזן).

ה ו י כ ו נ ג II - די, בא. (עלט) אקט אדער רעזולטאט

פון הויכן (דערהייבן).

(?נ?) ה ו י כ ו נ ג !!! - די, בא. (עלט) הויכקייט.

ם
**הוכונג.**

1696 " ווער וויל אזוי ווייט טראכטן וואש דא האט קיין סוף

1226 נאך קיין הוכונג צו גירייכן אים".

סידור| תפלה למשה, דף קס"ד.

ה ו י כ ז ו מ ע ר – <u>דער, בא</u>. די מיט פון זומער, די הייסטע צייט פון זומער.

ה ו י כ ז ו מ ע ר ד י ק - אדי. פון הויכזומער.

1968 " אין א הייסן, הויכזומערדיקן טאג, ערב תשעה באב |...|.

1343 ב.י. ראזען, יזב 2, 637.

(?ב?) הויכזון - די, בא.

1. די צייט, ווען די זון געפינט זיך אויף דעם העכסטן פונקט איבער דעם ערדקיילעך.

2. (מעד) באשטראלונג מיט א ספעציעלן אפאראט (אויך דער אפאראט?)

1928 " וועגן קווארצלאמפ, קינסטלעכע בארגזון אדער הויכזון האבן מיר שוין |...| געשריבן. דאס איז אן עלעקטרישער לאמפ, וואס |=אין וועלכן| דאס גלאז באשטייט פון א ספעציעלן קרישטאל (קווארץ) אנגעפילט מיט קוועקזילבער". 1344/1

פער 151, נ׳ 17.

רעד: די ציטאטע איז אומקלאר, ס׳איז א ספק צי "הויכזון" מיינט דעם אפאראט...

(נ??) ה ו י כ ז י נ י ק - אדי/אדוו. גרויסמוטיק, איידל

|סטוטש 573|.

ה ו י כ ל <u>א</u> נ ד - <u>דאס, = ~</u> <u>לענדער</u>. (<u>געאגר</u>)

א גרעסערער שטח לאנד, וואס געפינט זיך רעלאטיוו הויך איבערן ים=שפיגל.

1935 " דו ווינסט אויף <u>הויכלאנד</u> און איך וויין אויף פלאכלאנד |...|". 1352

<u>מאניק, 5, 32</u>.

1962 " |...| אויך איצטער, ווען איך האב שוין ווידער דאס <u>הויכלאנד</u> באטראטן, // באגלייט מיך די הייל אומעטום, ווי א בלוילעכער שאטן".

<u>גראדע, 5, 78</u>.

(?נ?) |הויכלויבונג| ה ו ך ל ו ב ו נ ג - <u>די,</u> שטארקע,

גרויסע לויב.

1713 " |...| אין אלן אורטן וואו איך מיין נאמן ווער מאכן

1353 גדענקן מיט <u>הוך לובונג</u> ווער איך בייא דיר קומן אונ׳

וויל דיך בענשן".

<u>מחזור, 1, דף ע"ה.</u>

(?נ?) |הויכלויבלעך| ה ו י ך ל ו י ב ל י ך - אדי/אדוו.

וואס איז ווערט שטארק/זייער צו לויבן.

1734 " וויא גאר רום ווערדיג אונד הויך לויבליך

1354 איז דיא גליקזעליגה שטונד |...|".

לשון זהב, דף יז.

רעד: ס'איז פור דייטש...

ה ו י כ מ ו ט - <u>דער, בא.</u> <u>(עלט)</u> .

1. שטאלץ, גאווה, גרויסהאלטערישקייט.

2. (<u>עלט</u>) איידל, נאבל, בראוו.

| |
|---|
| <u>רעד:</u> זען באמערקונג צו "הויכמוטיק" |

ם <u>הוך מוט/ הויך מוט.</u>

-----> 1.

1544 " נון זייא מיר גוט ווילקום דוא יונגער דעגן גוט.//

1360 קומשטו צו דיינן יארן זוא טראגשטו <u>הוהן מוט</u>".

<u>שמואל=בוך, סטר׳ 378.</u>

1648 " אם נעשטן מיט וואוך ווערט אייער <u>הוך מוט</u>

1358 פר גין // איין אורטיל ווערט אייך ווערדן גיגעבן //

וועלכר שטערבן מוש אונ׳ ווערט ניט בישטין// אודר וועלכר

ווערט בלייבן לעבן".

מגילת ווינץ, דף 33.

1739 " דען דיא פרוכטין דער איבר איילונג איזט (חרטה),

1357 |...| פון הויכמוהט פיינדשאפט".

ס' מבחר הפנינים, דף ל"ז.

ה ו י כ מ ו ט י ק - אדי/אדוו. (עלט).

1. שטאלץ, גאווהדיק, גרויסהאלטעריש.

1875 " און ער |גאט| איז איין איש מלחמה, ער ערנידערט

1368 די הויכמוטיקע און ער הייבט די נידערמוטיקע".

אנ׳ מעשה פליאות (מג׳ אחים), ז׳ 29.

ם הויך מוטיק/הוך מיטיג.

-----> 1.

1602 " וויא די אומות ווערדן רידן מאן האט אימנדר גיזאגט

1366 פון דעם שטולציין מואב דאש ער זער שטולץ זייא אונ׳

הוך מיטיג הערץ",

ס׳ ירמיה, מח - כט.

1743 " |...| דש זיך דיא יהודים האבן <u>הויך מוטיק</u>

1365 גהאלטין אונ׳ זיא האבן גוועלט הערשין איבר דיא

פעלקר דיא אלט גזעסני פון דש לאנד".

<u>שארית ישראל, דף ק.</u>

<u>רעד:</u> ביי סטוטשקאוו גייען די ווערטער "הויכמוט,
הויכמוטיק(ייט)" מיט א פלאקן, ס׳דארף הייסן
דייטשמעריש. פאר וואס? ווי מיר זעען פון די ציטאטן
(און ס׳איז דא נאך דריי מאל אזוי פיל) איז דאס
ווארט אפט אין עלטערן יידיש, ספעציעל אין
ערשטן באטייט. אגב, דער צווייטער באטייט איז
(לויט דודען) נאך עלטער אין מה"ד...

ה ו י כ מ ו ט י ק יי ט - די, בא. אייגנשאפט צו זיין הויכמוטיק.

1971 " עס וועט אויסברעכן די מרידה קעגן דער הויכמוטיקייט
|...| און דער עבודה=זרה פון רוים ". 1375

ב. רעסלער, פער 69,9/IV.

ם

הויך מוטיקייט.

1716 " אונ´ קען ניט וואול פר טראגן ווען אים וואש בין
ביגעגינט פון וועגן זיין הויך מוטיקייט |...|". 1376

חובות הלבבות, 1, דף קי"א.

ה ו י כ ן - אוטוו, פפ̄ (זן) הויכען.

1. ארויסלאזן פון ברייט אפענעם מויל א ווארעמען אטעם.

% הויכן אויף די הענט זיי צו דערווארעמען.

ער האט געהויכט אויף די ברילן=גלעזלעך און דערנאך זיי

אויסגעווישט.

1928 " דאס פארפרוירענע קינד האט געהויכט אין די פארגליווערטע

1445/1 פארגליווערטע הענטלעך".

קושניראוו, 3, 45.

2. בלאזן שטיל (וועגן א ווינטל).

1936 " געשוועבט איך האב אין דיינע לאקן,// ווי א ווינט

1461/1 געהויכט אין דיינע האר".

בראדערזאן, 7ב, 67.

1962 " א לופטיקער בריטער וויבט הויכט איבערן יישוב".

1461 ש. גארשמאן, פער 131, נ׳ 5, ז׳ 106.

3. (הויכן מיט עפעס) - אטעמען מיט עפעס, שמעקן מיט עפעס.

1910 " זאג! הויכן ניט די רויזן אירע פארפומיק דורכן שלאף

1454 מיין נאמען?".

ראזענפעלד, 5, 147.

|1926 - 1931| " דאס פארוועלקטע גרינס, די צעשפאלטענע

1451 |...| באנאנעס |...| - דאס אלץ האט געהויכט אין דער

לופט אריין פארדומפטע ריחות".

אפאטאשו, 6, 229.

1971 " ס׳האט דא געהויכט |...| מיט די פארבארגענע ריחות

1457 פון וואקסן און בליען".

באשעוויס, פער 155, VI/19.

4. (פיג) ארויסרופן א געוויסע שפירונג, אטמאספער, איינדרוק.

% דאס בוך הויכט מיט אמתער פאעזיע.

1949 " האט זי געהויכט מיט |...| ציטיקייט און |...| 1447 ווייבערשער גרייטקייט צו געבן מנוחה און גליק דעם באשערטן אירן".

זינגער, 9, 22.

1963 " ס'האט געהויכט מיט אויפריכטיקייט פון יענער שורה".

1460 באשעווים, פער 155, XII/27.

ד) הויכן איבער/אויף עמעצן – שטארק אפהיטן, אכטונג געבן, ציטערן איבער אים, פיעשטשען.

... " די איינציקע אויף וועמען דו האסט אזוי געהויכט, 1447/1 אזוי געבלאזן".

פרץ, 12, 324.

ה ו י כ ן  ז י ך - דזוו הויכן זיך, ב׳ 1.

1945 " |...| געבליבן דער יעגער ניט איין מאל ביים

1465 ראנד // פון אפגרונט, וואס הויכט זיך אזוי ווי א וואנט".

האלקין, 1א, 157.

1948 " פון רויען קבר, וואס ביים וועג האט זיך געהויכט //

1464 צו דער פאראדנער תליה |...|// געקראכן זענען די

׳אריער׳ אויפן בויך |...|".

מארקיש, 9, 510.

347 ה־

ה ו י כ ל ע ך - אדי/אדוו. אפשוואך=פארמע פון הויך.

א ביסל הויך, ניט אזוי הויך.

% א הויכלעכער בחור.

1947 " |...| א הויכלעך אידעלע און גרויע, פון שטענדיק

1229 אן א ביסעלע א פארשלאסענע אין זיך|...|".

דאבין, 1, 5.

ה ו י כ ל ע ר - דער, =ס/מצ דז. (דטשמ) צבועק, צוויי=
פנימדיקער מענטש, א כלומרשט פרומער.

1886 " ווי לאנג וועט זיך נאך ציען |...| די נאכט |...|
1231 איר זאלט ניט קענען ריכטיק אונטערשיידן, ווער עס איז
באמת פרום און ווער עס איז נאר א פארשטעלטער הויכלער.
א שטאט=בעל=טובה, וואס זויגט ביי אייך אייער לעצט
ביסל בלוט".
פער 74,נ׳ 4,ז׳ 55.

ה ו י כ ל ע ר יי - <u>דאס, בא.</u> (<u>דטשמ</u>) צביעות, פרומאקישקייט.

1909 " איך אטעם פריי אין דיינע שריפטן,// איידער עס דרוקט

1232 זיי דאס בליי,// איידער די וועלט הייבט זיי אן פארגיפטן//

מיט ציינישער הויכלעריי".

<u>עדעלשטאט, 3,4.</u>

ה ו י כ ס א ר ט י ק - אדי. פון א בעסערן, העכערן סארט.
פון א גוטער קוואליטעט. הויכסארטיקע פרוכטן.

1932 " |...| כדי צו באקומען הויכסארטיקן טשוהון,

1378 דארף מען האבן פארשיידענע צומישן - ניקעליכראם א"א.

פרומין, 1, 23.

ה ו י כ ס ט י ל י ק - אדי |סטוטש 374|.

פון/מיט א שיינעם בעסערן סטיל, מליצהדיק.

(ווענן רייד, שריפט).

% די פאעמע איז געשריבן אין א הויכסטיליקן לשון.

ה ו י כ ס ע ז א ן – דער, =ען. די בעסטע צייט פאר האנדל אדער פאבריקאציע, פאר דער פארשפרייטונג פון א געוויסער זאך, דערשיינונג.

% דער הויכסעזאן פון טוריסטיק איז זומער. פאר די יום=טובים האבן די קראמען זייער הויכסעזאן.

1974 " מסתמא איז דאס געווען אין פרילינג אדער אנהייב זומער 1941, דעמאלט אין סאמע הויכסעזאן פון הונגער און טיפוס |...|". 1381

ר. אויערבאך, 2, 314.

ה ו י כ ע נ י ש - דאס/די, =ן. (ס׳רוב עמפאטיש):

1. א הויך ארט, הייך (ממש).

% זעט נאר דאס הויכעניש פון די וואלקן=קראצערס!

פליען אין די הויכענישן.

1921 " |...| און בלאנקען אין דער הויכעניש ארום // און

1244 ווינקען שטום |...|".

בראדערזאן, 5, 31.

1965 " |...| ער |גאט| לאכט דארט אין זיינע הימלישע

1235 הויכענישן".

באשעוויס, פער 155, !!!/V 17.

2. (פיג) הויכע מדרה, פאזיציע גרויסע חשיבות.

1927 " זי האט נעבעך ניט געטראכט, ניט בארעכנט, אז ווען

1233 זי וועט פון יעצטיקער הויכעניש ארונטערפאלן, וועט

איך קלאפ |...| געפערלעכער זיין".

בודזאהן, 7, 13.

ה-

354

1949 " |...| געשטאנען אויף די הויכעניש פון זיין

1239 פאפולאריטעט".

טרונק, 6, 247.

(?נ?) ה ו י כ ע ר ע ר - דער, מצ דז. (עלט) שטיינהאקער, שניצער אין שטיין.

1953 " גדעון דער |...| געטער=שניצער, גדעון דער הויכערער".

1246 איגנאטאוו, 1, 51.

רעד: דער "כ" איז איבעריק (קאן זיין א דרוקפעלער), דארף זיין "הויערער".

ה ו י כ פּ ו נ ק ט – דער, =ן. דער מאמענט ווען א געוויסע דערשיינונג קומט צו איר מאקסימאלסטן אויסדרוק.

% דער הויכפּונקט אין דער אנטוויקלונג פון מזרח=אייראפּעישן יידנטום איז געווען דער אנהייב פון צוואנציקסטן יארהונדערט,

1947 " די רעפּרעסיעס האבן דערגרייכט דעם הויכפּונקט, ווען א באנדע |...| אנהענגער פון רעגירונג=לאגער איז באפאלן דעם פּארטיי=לאקאל |...|".
יזב 8, 139. 1385

1968 " אין יאר 1939 איז די שפּאנונג אין פּוילן דערגאנגען צום הויכפּונקט".
יזב 2, 320.

357 ה-

(?נ?) ה ו י כ פ ל א ן - דער, |=ען?| (שנש) ניווא, מדרגה.

1936 " דער דורשניטלעכער לייענער איז אויף איין

1389 הויכפלאן מיטן דורכשניטלעכן שרייבער".

נאדיר, 10, 93.

ה ו י כ פֿ אַ ר ר אַ ט – דער, בא. פאַרראַט קעגן דער זיכערקייט אדער קעגן דער פּאָליטישער אָרדענונג פון א מדינה.

% די אַנטיילנעמער אין דעם פּוטש האט מען געמיפּט פאַר הויכפאַררראַט.

ה ו י כ פֿ י ר ע ר - דער, =ס./מצ דז |סטוטש 177|.

טייל פון אן עראפלאן, גענויער בנב.

ה ו י כ פֿ ל אַ כ ל אַ נ ד - דאס, ~ לענדער (געאגר)

א פלאכלאנד, וואס געפינט זיך רעלאטיוו הויך איבער דעם שפיגל פון ים.

ה ו י כ פֿ ל י - דער, =ען. |סטוטש 177|.

דאס פליען הויך.

% דער נייער עראפלאן איז בעסער צוגעפאסט פאר הויכפלי, אפילו ביז 20000 מעטער איבער דער ערד.

ה ו י כ פֿ ל ע ק - ~~ה~~ער, =ן. (קצביש) געוויסער טייל
פלייש פון א בהמה, געניוויער בנב.

1935 " |...| ויש לו עוד ב׳ חתיכות מחברות לגיד הנשה(א)

1396 הוא הכיס בשור ונקרא בל"א הויך פלעק".

בישקאוויץ, 1, 120.

(?נ?) ה ו י כ צ ו ג - דער, =ן. (שנש) בערגבאן.

|1931 - 1926| " פון מאל צו מאל האט מען דערהערט ווי

1398 א שיפען פון שלאנגען - דאס האט זיך א הויכצוג ערגעץ

דורכגעשלייכט אויף א בערגל".

אפאטאשו, 6, 60.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ה ו י כ צ י̲י̲ ט - ד̲י̲,̲ =̲ן̲.̲ (ע̲ל̲ט̲) ד̲ז̲ו̲ו̲ ה̲א̲כ̲צ̲י̲י̲ט̲.

1866 " |...| דערצו נאך וועט דעם חודש זיין דעם קייסערס

1470 זילבערנע הויכצייט |...|".

פער 177, נ' 13, ז' 195.

הויך=קאמיסאר - <u>דער, =ן.</u> דער ראש פון דער
אדמיניסטראציע אין אן אפהענגיקער אדער אקופירטער געגנט
(לאנד), נאמינירט דורך דער מאנדאטארישער אדער אקופירנדיקער
מדינה. % דער ענגלישער הויך=קאמיסאר פון פאלעסטינע
האט באגרענעצט די עליה פון יידן אין לאנד.

1951 " ביז 1920 איז דאס מעמעלער געביט געשטאנען אין
1402 רשות פון די אליירטע אונטערן אנפיר פון א פראנצויזישן
הויך=קאמיסאר".
ש. גרינהויז, פער 106, 1433.

ה ו י כ ק י י ט - די, =ן.

1. ווערטיקאלער אויסשפרייט, לענג פון אונטן ארויף; די הייך.

% די הויכקייט פון צימער איז איבער פיר מעטער.

1902 " |...| די גאנצע ערד ארומגעקוקט און ארומגעפארשט,

איר צורה, איר הויכקייט, איר אטמאספערע". 1264

איבז ארשאנסקי, 1, 52.

1921 " דאס שענסטע איז פון לעבן די הויכקייט און די

ווייטקייט". 1253

סעגאלאוויטש, 6, 18.

2. (זן) ווהקס (ווענן א מענטשן).

% דער בחור האט זיך אויסגעטיילט מיט זיין הויכקייט

און שלאנקן געשטאלט.

1884 " |...| זיין שיינע הויכקייט, דער בליץ פון זיינע

אויגן האבן זיך ניט געטונקלט". 1261

ראם, 1, 9.

3. דער ווערטיקאלער אפשטאנד (דיסטאנץ) צווישן א זאץ
און דעם באדן.

% די עראפלאנען פליען אויף א גרויסער הויכקייט.

1921 " |...| אפט מאל דערהייבט ער זיך מיט די פליגל פון
1260 זיין גייסט ארויף אויבן, אויבן, ביז צו זיי |צו די גלגלים|,
און פון דארט פון דער העכסטער <u>הויכקייט</u>, מעסט זיין
בליצנדיק אויג די טיפענישן אין דעם מענטשנס נשמה".
<u>זילבערבוש, 2, 82.</u>

1970 " |...| ווי נידעריק און קליין האבן זיך די יידן
1248 געפילט לגבי דער הויכקייט פונעם קיילעכיקן סופית".
<u>א. פייוולאוויטש, יזב 7, 373.</u>

4. אן ארט/געגנט, וואס געפינט זיך רעלאטיוו הויך איבער
דעם ים=שפיגל.

% די <u>הויכקייטן</u> פון גולן.

1943 - 1946 " דארט הייבן זיך אויף, ווי אויף טרעפּ,

1248/1 גדיכטע וועלדער און בלאזלען זיך אריין אין די הויכקייטן

פון אוראלער בערג".

בערגעלסאָן, 17, 653.

5. גרייס, ניווא, מדרגה, אינטענסיווקייט פון דערשיינונג.

% מעסטן די הויכקייט פון בלוטדרוק.

6. (פיג) דערהויבנקייט, איידלקייט, חשיבות.

1936 " |...| די הויכקייט פון הארצן און פון מיינע אויגן

1265 וועל איך דערגנידערן פון גאסס וועגן".

מחזור, 5, 90.

1957 " בשעת ביאת המשיח וועט זיך זען די אמתע הויכקייט

1254 פון גשמיות".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 306.

7. (פיג, עלט) גאווה, גרויסהאלטעריי.

ג) זיין/אייער הויכקייט - אנגענומען איין טיטולירן מיטגלידער פון א קייסערלעכער משפחה.

% זיין הויכקייט דער פרינץ קארל.

ם

הוכקייט/הויכקייט.

.2 ◄----

1610 " |...| זיך מיט זיין הויכקייט צו בידעקין זיא |זיין מוטער רחל, עשו זאל זי ניט דערזען| און דרום בענשט איך |יוספן| זיין ואטר".

טייטש=חומש, בראשית (רשי), מט - כב.

‎----> 6.

1716 " |...| צו דר צילן זיין הוכקייט אונ׳ אכטבארקייט

1249 דיא ווייל זיינש גלייכן ניט איז".

חובות הלבבות, דף ט׳.

‎----> 7.

1716 " |...| איר האפערטיגי לייט ניט איר זאלט מערין

1256 צו רידן הוכקייט, האפרטיג".

ס׳ המגיד, 3, דף ל"ט.

ה ו י כ ק יי ט = מ ע ס ט ע ר - <u>דער, =ס</u>. אפאראט צו מעסטן

די הויכקייט.

ה ו י כ ק ע ן - אוטוו. דזוו הויכן.

ה ו י כ ר ו נ ד - <u>אדי/אדוו</u>. (<u>נש</u>) אויסגעפוקלט, בולט,
רעליעף.

**רעד:** ס'איז אהרן מארקס א ניט געראטענע איבערזעצונג
פון פוילישן

ה ו י כ ר ו נ ד י ק יי ט - די, בא. אייגנשאפט צו זיין
הויכרונד(יק); אויסגעפוקלטקייט.

ה ו י כ ר יי ד ע ר - דער, =ס, פּפ הויכרעדער.

אפּאראט צו פארגרעסערן די שטארקייט פון קול; מעגאפאן.

1936 " דער הויכריידער האט זיך דערשטיקט אויף אל=לא //

1414 און האט שוין זיין ליד ניט געזונגען".

כאריק, 3, 180.

1948 " איך וועל מיט הויכריידערס אויף פלעצער דיינע

1409 שאלן: // לאנד מיינס! לענדער! פעלקער! אלע, אלע!".

פייננבערג, 5, 9.

1965 " מיט א מאל האבן זיך צו אים דערטראגן אפגעהאקטע

1415 ווערטער פון א הויכריידער".

נאטע לוריע, 5, 126.

ה ו י כ ר ע ד ע ר - דער, =ס. דזוו הויכריידער.

ה ו י כ ר ע ל י ע ף - דער, =ן. שטארק ארויסשטארצנדיק

פון דער אייבערפלאך (אין וואנט=סקולפּורן).

1944 " |...| מיט אלטע שניצערייען באפוצט, |...| עפּעס א

1418 הויך=רעליעף פון א מלאך מיכל צי גבריאל |...|".

שניאור, 8, 231.

1974 " ער |חיים האנפּט| שאפט וויכטיקע מאנומענטן |...|

1420 הויך=רעליעפן פון גיפּס, בראנדז, שטיין |...|".

יזב 17, 129.

ה ו י כ ש א צ ו נ ג – די, בא. גרויס דרך=הארץ, רעספעקט.

1963 " |....| דאס ווערט אים געגעבן ווי אן אויסדרוק

פון דאנקבארקייט און הויכשאצונג מצד אלע פריינד און

אנהענגער".

פער 69, 20/X.

ה ו י כ ש ו ל - די, =ן. שול פאר העכערע שטודיעס, נאך דער מיטלשול (ווי אן אוניווערסיטעט, טעכנישער אינסטיטוט אד"גל). %.לערנען, שטודירן א ן א הויכשול. פארענדיקן א הויכשול.

1951 " דאס רוב חלומות זענען צערונען |...| אן ענלעכן

1424 מזל האט געהאט אויך דער חלום וועגן א יידישער הויכשול

אין ליטע".

ש. אלישוב, פער 106, 1321.

1973 " קיין מיטל=און הויכשולן זענען אין פשיטיק נישט

1425 געווען, און נאר זייער א קליינע צאל |יוגנט| האט

זיך געקענט דערלויבן צו פארן אין אן אנדער שטאט".

יזב 18, 116.

ה ו י כ ש ט א פ ל ע ר - דער, =ס. פֿפּ האכשטאפלער,

וועֶ הויכשטאפלערין/אויכשטאפלערקע. עמעץ וואס וויל

פארנעמען/האט פארנומען א העכערע פאזיציע אין דער

געזעלשאפט מיט שווינדלערישע גענג; קאמבינאטאר, אפעריסט.

1912 " ביי סאנאלין האט זיך דערוועקט דער אינסטינקט פון

א קליינשטעטלדיקן באנוויוואנט און האכשטאפלער. 1501/1

זיין אידעאל איז איצט געווארן אויף וואסער עס איז

אופן צו ווערן רייך".

פער 79.

1925 " ווייסטו, ראיע, אז ציפקע איז א האכשטאפלערין,

א שווינדלערין?". 1428

ר. מאנדעלבוים, |?|, 1, 31.

1955 " אין די דאזיקע אינטערנאציאנאלע קורבעדער האט אויך

געווימלט מיט כלערליי האכשטאפלערס, גנבים, זונות 1501

און אנדערע שלעק".

הארענדארף, 1.

1961 " ער איז נישט קיין דאקטאר און נישט קיין מיליטערישער

1427 עקספערט. ער איז א הויכשטאפלער אין א גרויסן פארמאט".

ד. פלינקער, פער 69, 17/XI.

ה ו י כ ש ט א פ ל ע ר י י - דאס, בא. דאס פארנעמען

אדער ווען פארנעמען א העכערע פאזיציע אין דער געזעלשאפט

מיט שווינדלערישע גענג.

ה ו י כ ש ט <u>א</u> פ ל ע ר י ש - <u>אדי/אדוו</u>. ווי א הויכשטאפלער; שווינדלעריש, אפעריסטיש.

ה ו י כ שט א ק י ק - אדי. וואס האט א סך שטאקן.

% הויכשטאקיקער בנין.

1968 " אין ווארשע ארבעטן די לערן=יינגלעך נאך שווערער, זיי מוזן טראגן די מאטעריאלן אויף די הויכשטאקיקע הייזער". 1432

ש. גערלינג, יזב 2, 540.

(?נ?) ה ו י כ ש פ י צ י ק - <u>אדי.</u> מיט הויכע שפיצן, עקן.

1883 " ר׳ יאסל כ"ץ |...| מיט א <u>הויכשפיציקער</u> |...|

1436 סאמעטענער יארמעלקע |...| גיט א גלעט מיט דער ברייטער
לאפע אויף דער לאנגער געלער, מעשענער בארד".
<u>א. גרינבערג, פער 74, נ׳ 3, ז׳ 35.</u>

ה ו י כ ש פ ר ע כ ע ר - דער, =ס.

1. דזוו הויכריידער.

1938 " א ליגע פאר דער יידישער שול וואלט געקאנט זיין

1439 יענער הויכשפרעכער, וואס זאל דורכעקבערן אפילו פארשטאפטע

אויערן".

י. מארק, פער 176,

2. (פיג) בארימער, אויספיינער, |סטוטש 550|.

3. (איר) עמעץ וואס האט ליב צו רעדן מיט שיינע אבער פוסטע

פראזן.

1887 " פריער האבן זיי געגלייבט, אז ק.,ע"ה, האט זייער

1438 געליבט פראנקרייך |...| און דער הויכשפרעכער דערולעד

איז געקומען צו אים אויף ׳קבר=אבות׳".

פער 74, נ׳ 35, ז׳ 591.

רעד: דער זין פון דער ציטאטע איז בכלל ניט קלאר...

ה ו י כ ש פ ר ע כ ע ר י ש - אדי. שיין גליִנגענדיק (וועגן רייד).

% הויכשפּרעכערישע ווערטער.

ה ו י כ ש פ ר ע כ ע ר י ש ק י י ט – די, בא.

אייגנשאפט צו רעדן מליצהדיק, באמבאסטיש.

1935 " |...| די הויכשפּרעכערישקייט, די פארליבטקייט און

1441 אייגנגעלייבטקייט אין זיך זיינען פונקט אזוי כאראקטעריסטיש

פאר אט דער פאזע פון יוגנט".

מ. ווייגרייך, 3, 47.


רעד: מיגלעך, אז דער מחבר האט דא געמיינט דווקא

באַרימערישקייט, אויספיינערישקייט" –

נאכזען א ברייטערן קאנטעקסט!

הויל I - אדי/אדוו.

1. ניט אנגעטאן, אן דעם געהעריקן בגד; נאקעט, אויסגעטאן.

% הוילער האלדז. הוילע ארעמס. דאס רעקל טראגט דער בעטלער אויפן הוילן לייב. גייט מיט א הוילן קאפ אפילו אין רעגן.

1881 " די שטוב |פון מלמד| איז שטענדיק פול קולות און קללות, געוויינען פון די חדר=יינגלעך, וואס שטייען מיט די הוילע אחורס ארום דעם טיש". 1508

שאצקעס, 1, 15.

1910 " מיט די הוילע הענט פון פייער // קוילן שארן, זיצן, קאכן". 1528

פרוג, 2, 288.

1940 " איך זע, ער לאזט זיך גיין אריין א הוילער,// האב איך דעם פעלץ געגעבן אים פון לייב". 1555

קושניראוו, 5, 27.

1962 " דער קינסטלער - זיינע זינד אנטבלויזט ער,//

1511 ווען ער טוט אויס די שווארצע נאנעס נאקעט הויל //

און שענקט די נימפעס ווייסע פנימער פון קלויסטער".

גראדע, 5, 62.

2. (וועגן בעל=חיים און געוויקסן) אין זייער נאטירלעכן

באדעק (האר, וואל, פעדערן, בלעטער, קארע).

% הוילע קנאספן. ס'איז שפעטער הארבסט, דיביימער שטייען

הוילע. די שעפעלעך שטייען הוילע, מ'האט נאר=וואס

אפגעשארן זייער וואל.

1884 " |...| הויל נאקעטע פייגעלעך, וואס האבן זיך

1519 נאר וואס אויסגעקאלופעט פון שאלעכץ".

לעוונער, 1, 5.

1910 " די צווייגן הענגען הויל און שוואך".

1529 פרוג, 2, 108.

1956 " ארומגעהוליעט האט אין פעלדער שוין דער שניי,//

1563 ביים וועג די ביימער שוין געשטאנען זיינען הוילע".

מארקיש, 11, 586.

3. ניט באדעקט, ניט פארדעקט, אן קיין שום זאך אויף זיך.

% הוילע ווענט. ער שלאפט אויף דער הוילער פאדלאגע.

1878 " געגעסן האב איך קדחת, געשלאפן האב איך אויף

1502 הוילן,|...| אויסגעשטאנען קעלט, טשאד, היץ |...|".

דיק, 89, 35.

1910 " אויף הוילע, ווייסע שטיינער // גיס אויס דיין גיפט".

1553 פרוג, 1, 289.

1929 " הויל נאקעט זענען געשטאנען די פעלדער און די

1596 וועלדער האבן אין זיך אריינגעצויגן די מרה=שחורה

פון רעגנדיקן הארבסט".

יאפע, 1, 153.

1966 " דער וועג פון שלאנג איף פעלדזנשטיין איף הוילן|...|".

1501 האלקין, 4, 75.

4. לײדיק, פוסט,(אינעווייניק), ניט אויסגעפילט.

% די ניס זענען הוילע,אן יאדערן. א הוילע פאס.

1847 "די חכמים זאגן |...| איין מענש וואש ער איז הויל,

1541 ער האט נאך ניט גיגעסן, האט ער צווייא הערצער,

אבער ווען דער מענש זיך גינוג אן גיגעסן האט, באקומט

ער הערשט איין הערץ".

פאוויר, 3, דף ג.

1891 " |...| עס זאל ניט זיין אין מיטן |פון דעם

1568 צונויפגעשאטענעם מיסט| ליידיקע, <u>הוילע</u> ערטער, נאר

עס זאל זיין אומעטום געדיכט און צוזאמענגעפרעסט".

<u>וועבער, 1, 42.</u>

1922 " |ביינער| וועלכע זענען <u>הויל</u> אין דער מיטן און

1562 זענען מיט אנאנדער צוזאמענגעהאלטן דורך דעם מארך |...|".

<u>איבז זאלקינד, 4, 105.</u>

1963 " דאס לייב איז אים געווארן אפגעצערט, און ס'האט

1585 זיך אים געדאכט, ווי ער וואלט געווען אינעווייניק הויל".

<u>באשעוויס, 4, 296.</u>

5. <u>וועגן א קול, קלאנג.</u>

א) הילכיק, גראב.

1923 " די מטבע פאלט ווידער אראפ און קלאפט אפ <u>הויל</u>".

1590 <u>י.מ. ניימאן, 1, 156.</u>

ב) פארדומפן, הייזעריק, גרילציק.

1939 " |...| מיט א הויל קול געפרעגט".

פערלע, 3א, 115. 1581

6. אן צוגאבן, צומישן, אויסשליסלעך, בלויזן/נאר דאס
(ניט מיט עפעס אנדערש).

% ס'איז נישט קיין מילך, ס'איז הוילע וואסער.
געקרוגן האבן זיי נישט קיין פלייש, נאר הוילע ביינער.
ער גייט נאך ארום אין הוילן העמד. זאגן דעם הוילן אמת.
אנגעבן הוילע פאקטן. ער רעדט הוילע נארישקייטן.
א חברה פון הוילע עם=הארצים.

1881 " איר קאנט אודאי טראכטן |וועגן| א פראזשעניש
פון א צוויי צענדליק איער און דערצו טריפלעך אין הוילע מילך." 1542
שאצקעס, 1, 25.

1910 " |...| אויסגעדארט, פארטריקנט,// הוילע הויט

1586 און ביינער".

פרוג, 2, 257.

1929 " שוין נאר פון הוילער התלהבות, פון גרויס דאנקבארקייט

1586 צו אט דער מומען |...|".

בערגעלסאן, 9, 163.

1948 " |...| צו פוס, אלץ איינס |...| ווי הונדערט יאר

1586/1 צוריק, איך הוילע לאפטיעס |...|".

מארקיש, 9, 22.

7. (פיג) ארעם, אן פארמעגן, אן גארניט.

% מע האט אים באראבעוועט און געלאזט הויל, אן א גראשן.

די כלה האט מען גענומען א הוילע, אן נדן, ווי זי

שטייט און גייט.

1945 " |...| ווי געסטאיעט האט אים מוט // איבערטראגן

1548 שלעק און פיבער,// הויל און גרויל און, ווי א גיבור//

שרייבן לידער מיט זיין בלוט".

האלקין, 3, 47.

1973 " |...| גלייך ווי ער וואלט געווען ארעם און הויל".

1518 מ. קאליקשטיין, פער 9, ר"ה=נומער, ז׳ 52.

ג) פפ:

הויל ווי די מאמע האט אים/זי געהאט - אין גאנצן נאקעט.

הויל ווי א קויל, ווי א פאס - אינעווייניק ליידיק, פוסט.

הויל ווי א קאטויל, ווי א טערקישער קדוש - ארעם, אן גארנישט.

הויל=נאקעט/נאקעט=הויל – פארשפרייט ווערטער=פארל,

געניצט צוליב עמפאזיס, אונטערשטרייכונג: אין גאנצן,

אבסאלוט, פולשטענדיק הויל (אין פארשיידענע באטייטן).

1911 " |...| איך בין אזוי געבליבן הויל=נאקעט פון

1594 יידישקייט ביז גאר".

ש. ג. הרכבי, 1, 53.

1957 " יונגע=לייט ארעמע |...| הויל=נאקעט פון א ברעקל

1549 געפיל אין עניין פון עבודה |...|".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קצ"ט.

1526 1961 " דער ים ליגט נאקעט=הויל אוועקגעוואלגערט אויפן בוך |...|".

גראדע, פער 9, ר"ה=נומער, ז' 13.

הויל און בלויז – דזוו. דפוו.

% ער גייט ארום הויל און בלויז.

<u>הוילער קאפ</u> - וועגן א פוסטן לייכטזיניקן ניט קיין ערנסטן מענטשן.

<u>מיט (די) הוילע הענט</u> - 1. אן געצייג, אן געווער.

1877 "|...| ווערט דערלאנגט א גרויסע שיסל מיט בראטן,

1526/2 און יעדער דרייט אפ א שטיק דערפון |...| <u>מיט די הוילע הענט</u>, אן א מעסער".

<u>איבז דיק, 5.</u>

1947 "|...| כמעט אן דערפארונג, <u>מיט הוילע הענט</u>, ווערן אויסגעארבעט אייגנארטיקע גראנאטן |...|".

1526/1

<u>יזב 8, 194.</u>

<u>מיט הוילע שווערדן/שאבליעס</u> - מיט שווערדן ארויסגעצויגן פון דער שייד.

1887 " |...| האט דער מאגיסטראט געלאזן פיר מענטשן

1526/3 ארעסטירן |...| האט מען זיי געפירט מיט א קאנוואי,

מיט הוילע שאבליעס, ווי מען פירט ראזבאיניקעס".

האנך, 100,1.

אונטערן הוילן הימל (שלאפן, זיין) - ניט אין א שטוב,

אין דרויסן, אך א דאך איבערן קאפ.

% שלאפן אונטערן הוילן הימל.

1894 " |...| איבערלאזנדיק איר מיט א שוועסטער |...|

1514 אונטערן הוילן הימל |...|".

פ.ט. סעגאל, 2.

הוילע מיט הייסע - (לאקל, ביאליסטאק) "פוסטע בארימעריי

|פ. פרימער, פער 90, נ׳ VI - 1 - 2|.

הוילע גאלד און פוסטע זילבער – ס'איז גארנישט, ס'טויג צו גארנישט, ס'האט קיין ווערט נישט |סטוטש 412|.

מיט די הוילע האר (גיין) – אן א שייטל.

1896 "|...| טוט זיך אן אנדערע קליידער, דעקט זיך אפ דעם קאפ און גייט מיט די הוילע האר". 1571

ו. שפירא, 1, 126.

עסן הוילע – (רעג גראדנע) אן א צוגאב, אן געשמעלץ, פאסנע/פיסנע.

% דאס קינד נעבעך עסט הוילע, ניטא מיט וואס דאס ברויט צו באשמירן.

(אפ)פטרן, אוועקלאזן מיט הוילע הענט (עמעצן) – ניט געבן גארניט.

% ער האט קיין מאל ניט אוועקגעלאזט קיין ארעמאן מיט הוילע הענט.

1874 " איך האב גאט זיי דאנק אכט שטיקלעך |קינדער|

1571/1 פון עטלעכע ווייבער און האב זיי |...| אלעמען געפטרט

מיט הוילע הענט".

דיק, 75, 36.

אויסטאן א הוילן (עמעצן) - באגנבענען, באנעמען.

לאזן מיטן הוילן הינטן - דזוו דפוו.

לאזן הויל נאקעט - דזוו דפוו.

(ניט) רעדן פון דער הוילער פאס (ארויס) - (ניט) רעדן סתם,

פוסטע רייד, אן א גרונד, אבי צו רעדן.

שוו: האט מען זיך איז ווויל, האט מען טעכטער, מאכן זיי הויל -

ם הול/הויל.

3. ←---

1544 " הינטר דיזן הולץ שטייך זולשטו בור בור בארגן זיין |...|."

1609 שמואל=בוך, סטר׳ 491.

1610 " |...| דר האך אזו ער ביגראב אברהם שרה זיין

1574 ווייב צו הויל ועלד |...|".

טייטש=חומש, בראשית, כג - יט.

4. ←----

... " גוט הוט גישפראכן אונ׳ אנביט אויין עבן דש //

1565 וויא די ארמיים רידן אויש איינם הולץ ואש".

מלכים=בוך, סטר׳ 931.

1668 " אונ' די זעלביגן ווארן אינווינציג |=אינעווייניק|

1536 הול דש מן אינווייניציג איך אינן קונט פייאר אן צינדן".

יוסיפון, 3, דף נ"ב.

1716 " דיא וונט פון דר זייל ווארן פיר פינגר דיק,

1535 אונ' דיא זייל |נבוב| ווארן הול".

ס' המגיד, 3, דף 3.

ה ו י ל II - די, =ן. ליידיקייט, אויסגעהוילטקייט,

1930 " אויף שטילער פרילינגדיקער הויל פון ווילדע וויטן//

אלץ טריפט און טריפט מיין אלט פארציטערט בלוט |...|". 1516

האפשטיין, 3, 32.

1934 " פון דער הויל פון זיין לינקן אויג // האט זיך

טאקע באלד ארויסגעדרייט א טרער".

מ.ל. האלפערן, 5, 71, |?41|.

ה ו י ל א יי ז ן - דער, =ס. "(טאקעריי) א געבויגענער עקבויער!"

1619 |קטור|.

ה ו י ל = ה א ר נ ד י ק י י ט - די, בא.

קראנקייט ביי הארץ=בעלי=חיים; סטוטש 420 |.

ה ו י ל ה ו י ט י ק - <u>אדי/אדוו</u>. (<u>שנש</u>) אין דער בלויזער הויט,

... " |...| ווי א שילדקרעט,וואס איז פון זיין טראגטורעם

ארויס - <u>הוילהויטיק</u> און נאקעט".

<u>נסתר, דערצ׳ "אונטער א פלויט"</u>.

ה ו י ל ו נ ג - די, =ען. (עלט) פארטיפונג, אויסהוילונג, ליידיקייט.

ם הוילונג.

1799 " |...| נון מוז מן ווישן ווען אייני הוילונג

1655 אודר איין לאך איזט צווישן איין פינגר אונ' דען אנדרן

זוא ווערט דער זעלביגר מענש ניט (מצליח) זיין".

חכמת היד, 2, דף 2.

ה ו י ל ז ו י מ י ק - אדי. (נש) נאר אין דעם באט׳

טערמין "הוילזוימיקע געוויקסן" (דזוו נאקעט=זוימיקע געוויקס.

|סטוטש 249|.

ה ו י ל י ק - אדי. אויסגעהוילט, אינעווייניק ליידיק.

"געדערעם=הויליקע בעלי=חיים" |סטוטש 246|.

רעד: ביי סטוטש איז דער גרופע דא נאר "געדערעם=חללדיקע".

(?ב?) ם ה ו י ל ן I - טרוו, פפ̄ האלץ.

1. ברענגען.

1648 " |...| זא וועלן מיר אייך הולן דארט // און איין

1626 זעצן איך איירי גאשן".

מגילת ווינץ, ז' 36.

1717 " |...| ער מוז וואש הוילן פר דען (מת) |...|".

1635 ס' החיים II, דף ל.

2. רופן (עמעצן), אראפברענגען.

1675 " וועז אשכנז איין רב אדר חזן וויל לאזן הולין

1644 מוז ער דאך שיקן אין פולין".

די בשרייבונג פון אשכנז |...|.

|סוף XVI!!| " אלז האט מען לאזין דיא גנצי עדה הולין

1628 אונ' איניך דען הורג גוויזן |...|".

גליקל האמיל, ז' 243.

ה ו י ל ן !! - אוטוו. דזוו היילן (וואיען, רעווען).

1948 " |...| געזען פארבראכענע אין טרויער האבן זיי,//
1643 ווי דייטשן האבן, הוילנדיק, געטריבן |...|".
מארקיש, 9, 56.

1963 " ביי נאכט האט מען געהערט ס'הוילן פון די חיות,
1633 אדער אפשר האט אזוי גערוישט דער ווינט?".
באשעוויס, 4.

ה ו י ל ן !!! - טרוו. (גלש) נעמען אין געפענגעניש, ארעסטירן.

1924 " ער פארשיט מיך אויף גוט,// ער טוט אלס פארציילן,//

1629 עס קאכט אין מיר מיין בלוט,// און מען טוט מיר הוילן".

גנבים=ליד, ציט פער 83, ז' 24.

ה ו י ל = נ א ק ע ט ק יי ט - די, בא. (עמפאטיש) נאקעטקייט.

1973 " זי שעמט זיך ניט צו קוקן אויף הויל=נאקעטקייט".

1622 אליצקי, 5, 255.

הוילעניש - דאס/די, =ן. פוסטקייט, ליידיקייט.

1956 "...| מע זעט דאך ניט ביי זיי אין ערגעץ קיין

1656 געווער,// דער רוים אליין, די הוילעניש באהערשט דא".

מארקיש, 10, 220.

415 ה-

ה ו י ל ע ר יי - דאס, =ען. געוואי, בילעריי.

1931 " הינט האבן געבילט אויף אים, נאכגעלאפן מיט

1657 א הוילערייי".

באשעוויס, 2, 51.

ה ו י ל ע ר  ע ר ד ש נ ע ק  -  דער, =ן. (זאאל)

זגאל פון שנעקן |סטוטש 247|.

ה ו י ל ק י י ט - די, בא.

1. נאקעטקייט, אומפארדעקטקייט.

1934 " |...| און ער ווארפט ניט דעם זאק, וואס פארדעקט

1611 זיין הוילקייט,// ווי אויף א מצורע אויף איר ארויף |...|".

מ.ל. האלפערן, 4, 199.

2. ליידיקייט, פוסטקייט.

1974 " זי האט געפילט א הוילקייט אונטערן הארצן - אפשר

1612 וועט א ביסל ווארעמס העלפן?".

עלבערג, 2, 373.

3. (מצ הוילקייטן).פארטיפונג, אויסגעהוילטקייט.

1972 " די יונגע מוראשקעס האבן דערגרייכט צו א שארפן

1615 עק אין דער גלאנציקייט - געשפאלטענע הוילקייטן,

ווי סטעזשקעס".

ראזענפארב, 3, 117.

418 ה–

הוילקע – <u>די, =ס.</u> (<u>סטאלעריי</u>) טייל פון א מעבלשטיק,

<u>גענויער בנב</u>.

1929 " די דאזיקע צייכענונג שטעלט פאר א <u>הוילקע</u> אין

א ווינקל פון א געפאליטורטער שאפע". 1661

<u>בערמאן, 2, 95</u>.

| |
|---|
| <u>רעד</u>: דער מחבר פאררופט זיך אויף דער צייכענונג 77, זען דארט צו וויסן גענויער וואס דאס מיינט! |

ה ו י ל ק ע ו ו ע ן - טרוו. בנב.

רעד: מיגלעך אז טאקע אין בערמאנס בוך קאן מען

געפינען א דערקלערונג. מסתמא מיינט מען

"מאכן א הוילקע".

ה ו י ל ק ע פ י ק - אדי. (שנש) אן האר אויפן קאפ.

1928 " זיינען אבער געווען קינדערלעך פון קינדערהיים

1623 אלע הוילקעפיקע, ווי אויף קליינע געגאלטע קעפ

אלצאיינע ווייסינקע טשיפיקלעך".

קושניראוו, 3, 12.

(?נ?) ה ו י ל = ש נ י צ ע ר ײ - <u>די, =ען.</u> <u>(נש)</u> דאס שניצן אין

דער טיף פון א געוויסן מאטעריאל.

<u>רעד</u>: ס'איז אהרן מארקס א טייטש פון פוילישן"

|מארק וונ 1458|.

422



ה ו י ס ן  -  אדוו. (לאקל, מלאווע) דרויסן

אפאטאשו, פער 90, נ' ד - 5, ז' 56.

1663/1

ה ו י ס ע ר ל ע ך - (מערב-יידיש?) " א שפיל אין ניס"|קטור|.

רעד: דאס קארטל האט א שטעמפל: " בערנפעלד".

דארט איז אויך דא דער טייטש: "לויט ווייל

– א שפיל אין ניס" און אן עטימאלאגיע

ה ו י ע ן - טרוו. (עלט) האקן, אויסהאקן.

1832 " צו גאט וואש ער האוויט פלאם ער איז שטארק
1667/1 גלובט מיט דער עדה פון מלאכים".
איבז אנ, מחזור, 2א, דף קב.

1885 " אויף דעם שטול זיצט גאט איינגעהילט אין ליכטיקייט
1667 ער הויעט אויס זיין מויל די לערע פון תורה".
איבז אנ, מחזור, 4, 76.

ם
הויאן.

1541 " זי זאך ווי ער זש אזו וואל צו פפערד// אונ׳
1669 מיט זיין שפורן טעט ערש הויאן |...|".
בבא=בוך, סטר׳ 100.

1602 " זיא הויאן אים וואלד איין באם אונ׳ דער ווערק
1677 מיינשטר מכט זיא |די געטער| מיט זיינר פייל און הוביל".
ס׳ ירמיה, י - ג.

1716 " (ויפסלו) אונ׳ זיא <u>הויאטן</u> אן דעם בערג דיא בויער

1682 שלמה |...|".

<u>ס׳ המגיד, 3, מלכים ך, דף פ"ז.</u>

(?נ?) ה ו י ע ר - דער, =ס/ מצ דז. (עלט) האקער, דער וואס האקט, ס׳רוב וועגן א שטיינהאקער.

| |
|---|
| רעד: ביי פרצן דא "בילדהויער = סקולפטאר,שטיינקריצער. |

ם ולחוצבי - אונ צדען ה הווערן, ל׳ כורתי".

1684 הייכלין 8, "מלכים ב׳, יד - יג.

ה ו י ע ר ו נ ג - די, בא.

1. אקט פון הויערן I, ב"ב 1 - 2.

2. (עלט) ליגארט, רוארט.

1936 " מיין שטעג און מיין הויערונג האסטו געווינטשופלט".

איבז גראס, תהילים, קלט - 3. |תי: ליגארט|. 1735/1

1957 " דאס גאנצע שטיקל געביי האט אויסגעזען אזוי ווי

א הויערונג פון א חיה".

ברוסילאוו, 2, 16.

ם

הויארונג.

----> 2.

1626 " איין פר לארן שאף ווארן מיין פאלק |...| און׳

פר געסטן איר הויארונג |...|". 1691

ס׳ המגיד, ירמיה, נ - ו׳. |תי: הויעראַרט|.

1748 " מיין וועג אונ׳ מיין הויארונג האשטו גקרינט גרינג ארוק".

1688 סידור תפילות II, דף קכ"ח.

3. אקט אדער רעזולטאט פון הויערן, ב׳ 3.

1676 " |...| בלעם הוט גישפראכן וועך קאן דער ציילן

1744 די אש פון יעקב אונ׳ די צאל פון הויארונג ישראל".

ברנט שפיגל, פרק ל"ה. |תי: זאמען|.

... "דר זרע פון זיין הויארונג פון אדם האשטו מאכן

1687 גליברן אין דעם בויך פון חוה".

מחזור, 4, דף ק"א.

ה ו י ע ר ן I - אוטוו, פפ̄ (עלט) האוועון.1.ליגן,
אויסלייגן זיך, זיצן אויף איינגעבויגענע קני
(ס'רוב וועגן בעל=כיים).

% די קי הויערן אויף דער לאנקע.

1863 " |...| און אז די ישראל זענען ניט גוט געווען,
1755/1 האט זיך דאס פייער געוויזן |אויפן מזבח|, אזוי ווי
דאס געשטאלט פון איין הינט וואס ער האוועוט |טעקסט:
האווירט| דרויף".
איבזאן, נופת צופים, 1, 231.

1912 " |...| אפילו דער לעמפערט |אויסגעקריצט| איך
1745 מיטן אויפן זעלבן עמוד |...| הויערט א מידער צווישן
משה ואהרן און, דאכט זיך אז ער דרעמלט |...|".
רייזען, 2, 124.

1941 " |...| ערשט א ברונעם איז אין פעלד, און זע,

1709 דריי סטאדעס שאף הויערן דארט ביי אים".

תרגום, יהואש, בראשית, כט - 2.

1953 " דער ווילדער חזיר הויערט אין די בלאטעס".

1731 ברוסילאוו, 1, 11.

2. (פיג) (א יס)שפרייטן זיך. לייגן זיך, ציען זיך אויף/

איבער עפעס, שוועבן.

1851 " און עס וועט הויערן כלומר עס וועט זיך באהעפטן

1755 |...| אין אים |...| גאר די קללה |...|".

איבז אנ, חומש עם עברי=טייטש, דברים, כט - יט.

1919 " |...| קעגנאיבער דעם גרויסן ליידיקן פלאץ,

1730 מיטן נעפל וואס הויערט איבער אים |...|".

בערגעלסאן, 2, 44.

... " א מחנה רונדע הימלען // הויערט אויף דער ערד".

1730/1 סוצקעווער, 3, 95.

1953 " |...| איבער זיי אלע האווערט דער ביטערער גורל

1730/2 פון אומקום".

א. טווערסקי, פער 169, 483.

1968 " כל=זמן דיין זעל וועט אויף דער ערד דא הויערן, //

1747 על איך זיין ביי דיין זייט |...|".

לעיעלעס, 6, 505.

ם הויארן.

... " ורבצה - ל"א אונ׳ הורט".

1736 רייכלין, 8, דברים כ"ט - יט.

1610 " דא האבן זיא זיך איין מאל אונטר וועגן בגיגנט

1730 דא איז איינם גיהויארט זיין איזיל אונטר זיין לשט".

טייטש=חומש (מדרש), שמות כ"ג - ה.

1716 " אין איין וואונונג פון גראז ווערט ער מיך מאכן

1741 הויערן, בייא רואדיגה וואשר ווערט ער מיך פירן".

<u>חובות הלבבות, 1, דף ס"ח.</u>

3. ליגן מיט א פרוי.

1626 " דיא חכמים זאגן דוד שפראך (רבעי) מיין הויארן

1720 כלומר מיין (שכבת זרע) האשטו גלייטרט |...|".

1676 " אונ׳ די צאל פון הויארונג ישראל דז מיינט די

1738 גראשי צניעות דז זי האבן וועך זי הויערן מיט אירן

ווייבר, ווער קנש דער ציילן".

<u>ברנט שפיגל, פרק ל"ה.</u>

(?נ?) |הויערן !!| ה ו י א ר ן - טרוו, פּפּ הייארן.

דינגען א פור, פארן מיט א געדונגענער פור.

1723 " |...| דען קיין פורמן האט מן קענן קריגן צו הייאר//

1760 אודר מן האט אין בצאלט גאר טייער".

נייא קלאג ליד פון חורבן ק"ק ווירמיישא, ז׳29.

ה ו י פ ט I - דער, =ער.

1. (עלט) קאפ.

1858 " |...| און מיין תפלה זאל ארויף גיין צו פאר דיר צו מאכן איין קרוין אן דיין הויפט מיט אנדרע תפלות פון ישראל". 1784

תחנות ובקשות, דף כ׳.

|1936 ?| " מיין לויבונג זאל זיין איין קרוין צו דיין הויפט און מיין געבעט זאל זיין אנגעברייט אלס ווי דאס קטורת". 1772

איבז אנ, מחזור, 6, 227.

2. (עלט) שפיץ, דער אויבן, העכסטער פונקט |זעך יידיש I|.

3. (פיג) (אנ)פירער, עלטסטער, קאמאנדיר, ראש וראשון (פון א גרופע, אינסטיטוציע).

% דער הויפּט פֿון דער מחנה.

|1955?| " איר שטייט היינט איר אַלע פֿאַר גאָט, אייער גאָט,

1791 אייערע הויפּטער |...|".

איבז אַנ, ליקוטי אמרים, |618 - 304?|.

4. (פֿיג, געניצט ס׳רוב אַדוווערביש) דער עיקר, דאָס וויכטיקסטע.

1935 " |...| האָט די רעליגיע באַוויזן איינצופֿלעכטן זיך

1782/1 אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם באַוווּסטזיין. |...| דאָס האָט

|...| געקראָגן אַן אָפּשפּיגלונג אין דער שפּראַך, דער הויפּט

אין דער לעקסיק |...|".

פּער 27, נ׳ 3 - 4.

5. (לאָקל, ביעלסק, גראָדנער געגנט) דער צוקאָפּנס פֿון אַ בעט

1794 |י. כץ, טערמ׳ פֿון סטאָליעריי, לאַנדוי=בוך, ווילנע 1926|.

^0 איבער הויפּט – אדוו פּר. דער עיקר/בעיקר, וויכטיקסטן,
ספּעציעל. בכלל. |גענויער אויסטייטש זען גוו, !!, ז' 921|.

1836 " אין דער צווייטער העלפט טראגן איז אויך פאראן
1773/2 געוויסע צייכנס |...| דער פּנים ווערט מאגער, באקומט
געלבע פלעקן אויף דער הויט, איבער הויפּט אויף דעם געזיכט".
בערלאנט, 1, 3.

1892 " איבער הויפּט זען, דאס דער עסק זאל אוועקגיין
1773/3 שטיל און גלאט |...|".
בודזאהן, 1, 57.

1929 " |...| איבער הויפּט קומט דאס פּאר |דאס איינטריקענען
1773/4 פון די ראמען| אין די ערטער, וואס געפינען זיך
קעגנאיבער דעם פעלס".
קערמאן, 2, 30.

1970 " |...| צו יענער צייט האב איך שוין ריכטיק באגריפן די געפאר, ווייל ווען איך בין דורכגעגאנגען לעבן דעם ארט פון מיינע עלטערן, האב איך זיך געמאכט גלייך ווי איך זע זיי איבער הויפט נישט". 1773/5

י. באגדאן, יזב 7, 364.

דער הויפט – אדוו פר. דזוו דפוו.

% ער האט ליב קלאסישע מוזיק, דער הויפט בעטהאווענס סימפאניעס.

1951 " |...| דער הויפט האט זיך בעל=מחשבות אפגעשטעלט אויף די אינדיווידועלע שטריכן פון א שרייבער |...|". 1816

ש. ניגער, פער 106, 1061.

הויבט. ם

------> 1.

1544 " אבשלום קונט קיין העלם אויף טראגן דש איש וואר //

1774 ער טרוג אויף זיינם הויבט איין גרושן שובר האר".

שמואל=בוך, סטר׳ 1554.

1602 " |...| וויל עז ניט רעגינט אויף די ערדן דיא אקיר

1770 לייט גין טרויערג אונ׳ אום וויקלן אירי הייבטיד".

ס׳ ירמיה, יד - ד.

1723 " מן טאר אך קיין ברכה מכין מיט בלוסם הויבט |...|".

1781 ס׳ המנהגים, דף ה/ב.

-----> 2.

1610 "אם ערשטן צו דען מאנט וואַרדן גזעהן די הויבטר

1781/1 דער בערג".

טייטש=חומש, בראשית, ח - ה.

1716 " |...| צו בידעקין די קרוין דאש דא וואר אויף
דעם הויבט, די מילגרוים". 1781/2
ס' המגיד, 3, מלכים א', ז – יח. |תי: אויבן|.

-----> 3.

1544 " איך וויל דיכש ניט דר לושן דוא אויש דר וולטער
דעגן // דוא זולט צו מיינן הויבטן יואבן ווען איך 1793
שלוף פפלעגן".
שמואל=בוך, סטר' 714.

1610 " זאלשט זאגן ער הוט גיזאגט גאט דער הער נון איך
צו דיר גוג הער הויבט |...|". 1773
טייטש=חומש (הפטורה), יחזקאל, לט – א.

-----> 4.

440 ה-

1739 " דז הויבט דער פרגניגליכקייט און גשיקליכקייט דער

1773/1 וועלט איזט דז דיר ניט גרויש אין דיא אויגן פאלן זאל".

ס' מבחר הפנינים, דף יד.

ה ו י פּ ט =...!! - באשטימטייל פון צונויפהעפטן.

גיט צו דעם הויפטטייל דעם באטייט:

וויכטיקסט(ער), העכסט(ער), אייבערשט(ע - ר),

סאמע, זייער. (ביי אדיעקטיוון).

% הויפטאגענט, הויפט=ארייגאנג. הויפטבוך. הויבטגאס.

הויפטגעדאנק, הויפטדאקטאר, הויפט=הכנסה. הויפטוועג,

הויפטזאץ, הויפט=חלק, הויפט=טעמע, הויפט=ליניע,

הויפטמאטיוו, הויפטנעסט, הויפט=סטאנציע, הויפט=עלעמענט,

הויפטפאסט, הויפט=פארוואלטער, הויפטציל,

הויפט=קאמאנדיר, הויפטראל, הויפטשאסיי, הויפט=ארנטלעך,

הויפטזאכלעך.

ה ו י פ ס ט א ג ע נ ט ו ר - די, =ן.

1878 " דא |אין באד| איז די הויפּט=אגענטור, די צענטראלע קאנטאר צווישן דעם הימל און ערד". 1812

מענדעלע, 16, 103.

ה ו י פ ט = א ר נ ט ל ע ך - אדי/אדוו.

זייער, אבסאלוט ארנטלעך.

ה ו י פ ט = ב א ש ע פ ט י ק ו נ ג - די, =ן.

1951 " דערהויפט איז מיר פיינלעך געווען דעם עלטערן

1827 טיף געשעצטן קאלעגעס עצה ניט צו נעמען דאס יידישע

אלס הויפט=באשעפטיקונג איך לעבן".

ש. ניגער, פער 106, 1066.

ה ו י פ ט ג א ס - די, =ן. צענטראלע און גרויסע גאס
אין א שטאט.

1866 " קאליקעס שטייען אין די הויפטגאסן און רייסן
1835/1 ביי ד י פאלעס |...|".
פער 177, נ׳ 7, ז׳ 105.

1951 " אין די הויפטגאסן האט מען שוין געקאנט טרעפן
1835 צענדליקער ליטווישע רייכע געשעפטן |...|".
י. לעשטשינסקי, פער 106, 837.

ה ו י פ ט = ד א ק ט א ר - דער, ~ דאקטוירים.

1968 " אייך מאל האט ד"ר פאמפער, |...| דער הויפטדאקטאר

1845 פון אלע יידישע לאגערן אין ווארשעווער קרייז, צוגעזען

ווי די פאליציאנטן שלאגן די לאגערמענטשן |...|".

ב. ארענשטיין, יזב 2, 837.

ה ו י פ ט ה ע ל ד - דער, =ן. וויכטיקסטער פארסאנאזש
איך א בוך.

1929 " אין 'חנוכה=געלט', |...|'דער פידל' אאז"וו איז
1853 דער הויפּטהעלד דאס יידישע קינד".
בעל=מחשבות, 1, 105.

ה ו י פ ס ט ו ו א ך ( ט ) - די, =ן.

סטאַציע פון פּאָליציי אָדער פון מיליטער.

1867 " באַלד |...| האָט זיי די סטראַזשע געכאַפּט און |...|

1857 צוריקגעפירט צו דער גאַלאַצער הויפּטוואַך".

פער 177, נ' 27, ז' 209.

הויפטווארט – דאס, ~ ווערטער. (גראמ׳ עלט)

סובסטאנטיוו.

1864 " ער | דער זעצער | פארשטייט אויך ניט וואס באטייט

1862 א שם=העצם (הויפטווארט) אדער א פועל (צייטווארט)".

פער 177, נ׳ 40, ז׳ 611.

ה ו י פ ס ו ו ע ג - דער, =ן.

1967 " היות ס'איז געווען געפערלעך צו גיין מיטן הויפּסטוועג,

1865 זיינען מיר געגאנגען מיט זייטיקע וועגן".

י. לויפבאן, יזב 21, 513.

הויפּטזאַך - די, =ן. די וויכטיקסטע זאך (ענין, פּראָבלעם), דער עיקר.

1951 " די סביבה, דאָס אַרומיקע געזעלשאַפטלעכע און
1875 נאַציאָנאַלע לעבן, איז געווען די הויפּטזאַך, וואָס האָט אינטערעסירט בעל=מחשבותן |...|".
ש. ניגער, פּער 106, 1061.

1956 " די הויפּטזאַך - האָבן עס אין טאָש און האַלטן עס
1871 מיט די הענט |...|".
מאַרקיש, 10, 236.

ה ו י פ ט ז <u>א</u> כ ל ע ך - <u>אדוו, פּפֿ</u> <u>(דטשמ)</u> <u>הויפטזעכלעך</u>.

דער עיקר, ספעציעל, באזונדערש.

1908 " די פיס דארף מען האלטן |ווען מען ליגט אין בעט|

1890 אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג, גישט איינגעקארטשעט, <u>הויפטזעכלעך</u> איז עס וויכטיק פאר קינדער, וועלכע האלטן אין וואקסן".

<u>גאטליעב, 2, 39</u>.

1932 " |...| די ארטיקע עסערן, וועלכע ארבעטן <u>הויפטזאכלעך</u>

1878 צווישן די סאלדאטן".

<u>קושניראוו, פער 61, 95</u>.

1951 " |...| אין זיינע פראלעטארישע דערציילונגען

1896 פירט ער <u>הויפטזעכלעך</u> דורך אט דעם אויסשיידונגס= פראצעס".

<u>ב. ריווקין, 2, 88</u>.

453 ה–

הויפטזאַץ – דער, =ן. (גראַמ) דער טייל פון א צונויפגעזעצטן זאַץ, צו וועלכן די ביי־זאַצן זענען סובאָרדינירט.

1965 " |...| ער |דער גערונדיוו| דינט אויך, ווען דער עיקרדיקער באַטייט איז דער שטייגער אָדער אומשטאַנד פון דער טוונגאַין הויפטזאַץ |...|".
1865/1
י. מאַרק, פער 90, נ' XXV, ז' 70.

ה ו י פ ט ז ע כ ל ע ך - ----→ **הויפטזאכלעך.**

ה ו י פ ט ט ר ע פ ע ר - דער, =ס.דאס גרעסטע געווינס איך א לאטעריי.

1915 " זינט גאט האט מיך באגליקט מיט גרויסן געווינס,
|...| איך האב אויסגענומען דעם הויפטטרעפער |...|". 207

שלום=עליכם, 15, 207.

ה ו י פ ט י ק - אדי /אדוו. (שנש) עיקרדיק,

זייער וויכטיק, תמציתדיק.

1955 " |...| אט די טויקייט - דאס הויפטיקע און תמציתדיקע

1799 אין זיי - איז א געמיינזאמער שטריק איןביידן |...|".

זאקוסקי, 1, 70.

457 -ה

ה ו י פ ט = כ ל ל |קלאַל| - דער, =ים. |קלאלים|.

1866 " דער הויפּט=כלל ביי זוי |=אזא| געשעפט איז דאס

1912/1 איינער גיט באר געלט אדער סחורה, אדער תבואה |...|".

מ.ה. הורוויץ, דף כ"ג.

ה ו י פ ט ל - -----> <u>הייפטל.</u>

(?ב?) ה ו י פ ט ל א ג ע ר - דער, =ן. (טעכט) וויכטיקסטער אנשפאר=צעדעטאל אין מאשינען אדער מאשינטיילן, וואס דרייען זיך אדער וואקלען זיך.

|פינקעל, 1, 50|.

..............................................

רעד: ער טייטשט עס פון רוסישן

..............................................

460 ה־

ה ו י פ ט ל י נ ג - דער, =ען. אנפירער, קאמאנדיר.

1933 " ווי אן אמתער 'הויפטלינג' מיט די פיר 'אונטערגעארדנטע'

1801 צו צוויי איך א ריי נאך אים, גייט ער פארויס".

דעמבלין, 1, 28.

1939 " ווו. נאר ער טוט א גראבל מיט זיינע קרומע רויבערישע

1808 נעגל פון א הויפטלינג, דארטן מאכט אים די גאנצע

שווארצע חברה א ווארע".

שניאור, 4, 177.

ה ו י פ ט = ל י נ י ע - די, =ס.

1912 " |...| דאס אלץ איז שוין געווען אין די הויפט=ליניעס

1921 אפגעקלערט און דורכגעפירט פון משה העס".

זשיטלאווסקי, 3, 205.

ה ו י פ ט ל ע ך - אדי/אדוו. (שנש) עיקרדיק, תמציתדיק.

1934 " |...| פון איצט אן איז דער גרונטיקער און

1802 הויפּטלעכער אנשפאר אין דארף דאס קאלווירטישע פויערטום".

איבז א. קאנטאר, 1, 226.

ה ו י פ ט מ א ן - דער, מצ הויפטלייט.

1. אפיצער פון א העכערן ראנג, ווי א מאיאר.

2. (עלט) אנפירער פון א סאלדאטן=מחנה.

1941 " די הויפטלייט פון די טויזנטן פון ישראל".

1919 תרגום יהואש, במדבר, י״ - 4.

3. מיליטערישער אדמיניסטראטאר פון א שטאט אדער געגנט

בעת מלחמה.

1954 " |...| מיר זיינען אין א שטענדיקער פארבינדונג

1942 מיט דעם דייטשישן רויטן קרייץ דורך דער פארמיטלונג

פון היגן קרייזהויפטמאן".

יזב 10, 605.

1970 " |...| ווען עס זיינען אנגעקומען קיין סאנץ

1945 ארום 170 נפשות פון די אויסגעזידלטע, האט דער

שטאטהויפטמאן גערופן צו זיך די פארשטייער פון יודענראט".

יזב 15, 742.

ם

הויבטמן.

-----> 3.

1544 " |...| דא זעצט שאול דוד איין הויבטמן אין דעם

1537 שטרייט.// וואו אין דער קוניג הין שיקט ער שלוג

וואונדן ווייט".

שמואל=בוך, סטר' 389.

1626 " ער האט גשיקט נירון קיסר זיין הייבט מן".

1934 ס' המגיד, 1, דניאל, ח - יא.

465 ה-

1743 " דער קינג אונ׳ זיין פעלד הויבט מאן ווארן זיך (משמח).

1935 שארית ישראל, דף ל"ב.

ה ו י פ ט = מ ק ו ר |מאקער| - דער, =ים |מאקוירים|.

1947 "|...| האט ער געפירט א קאמף קעגן 'יידישן

1959 פאנאטיזם', וואס זיין הויפט=מקור איז געווען דער

יידישער ספר".

יזב 8, 12.

(?נ?) ה ו י פ ט נ ש א פ ט - די, בא. (שנש) אנפירערשאפט.

1958 " פרוי ה. , וואס פארנעמט דעם הויכן אמט פון

1810 הויפטנשאפט אין דער אמעריקאנער אפטיילונג פון דער

יידישער אגענטור |...|".

א. אויערבאך, פער 68, !!!/17.

רעד: ס'איז אן אומגעראטענע און דער עיקר, אן

אומנייטיקע נײַשאפונג.

ה ו י פ ט=ע ל ע מ ע נ ט - דער, =ן.

1951 " דער הויפט=עלעמענט פון וועד איז |...| באשטאַנען

1787 פון די ראשי=המדינות, פון די פינף הויפט=קהילות".

פער 106, 182.

ה ו י פ ט ע ר ל ע ך - אדי/אדוו. זייער ערלעך.

ה ו י פ ט פ אָ ס ט – די, בא. דער צענטראלער פאסטאמט.
ז

1947 " |...| ווען מען האט זיך געווענדט צו דער הויפטפאסט

1965 וועגן פארריכטן דעם טעלעפאן, האט מען דארט געפונען

א פארטיקן תירוץ |...|".

יזב 8, 179.

הויפּטפּונקט - דער, =ן.

1938 " עס מעגן פירן וועגן און שטעגן פון דעם יידישן
1967 דענקען צו שפינאזאס אידעען, אבער ביי דעם הויפּטפּונקט
|...| ווערן די וועגן אפגעבראכן |...|".
קאראלניק, 1, 48.

ה ו י פ ט פ ר י נ צ י פ - דער, =ן.

1866 " ער |דער ייד| פילט און האלט באמת פון דעם

1973 הויפּטפּרינציפּ (עיקר) אין אונדזער רעליגיע:

'ואהבת לרעך כמוך'".

פער 177, נ' 5, ז' 71.

473 ה־

ה ו י פ ט = פּ אַ ר ו ו אַ ל ט ו נ ג - די, =ען.

די צענטראלע פארוואלטונג, די צענטראלע אנפירונג.

1947 " |...| מארקוספעלד איז געווען א מיטגליד פון

1977 דער הויפּט=פאַרוואלטונג פון דער ייק"א |...|".

יזב 8, 27.

474 ה–

ה ו י פ ט פ ר א ג ע – די, =ס. וויכטיקסטער ענין, פראבלעם.

1947 " די הויפטפראגע אויף דער דאזיקער פארזאמלונג איז געווען, ווי אזוי צו העלפן די איבערגעבליבענע אין טשענסטאכאוו". 1982

יזב 8, 353.

## ה ו י פ ט צ ו ו ע ק – <u>דער, =ן.</u>

1882 " אונדזער הויפטצוועק איז צו היטן דעם פרידן
אין איינלאנד ווי אין אויסלאנד". 1987

<u>פער 74, I/21</u>.

ה ו י פ ט = ק א מ א נ ד י ר - דער, =ן. העכסטער אנפירער
אין מיליטער.

1951 " אלס הויפט=קאמאנדיר איבער אלע רוסישע חיילות
1989 איז באשטימט געווארן דער גרויספירשט ניקאלאיי
ניקאלאיעוויטש |...|".
פער 106, 91.

ה ו י פ ט = ק א נ ט ר א ל ע ר - דער, =ן. דער קאנטראלער פון העכסטן ראנג, דער וואס איז ממונה אויף אלע קאנטראלערן.

1926 "ס'קאן זיך אבער מאכן, אז איך מיטן וועג כאפט זיך ארוי, דער הויפט=קאנטראלער, געפינט אזא געפאקטן וואגן יידעלעך און קיינער האט קיין בילעט נישט?". 1996

אפאטאשו, 5, 145.

ה ו י פ ט ק ו ו אַ ל - דער, =ן.

1951 " אַן אמתער קריטיקער קאָן ניט פאַרגעסן דעם קינסטלערס

'איך', דעם הויפּטקוואַל פון אייגנאַרטיקייט און טאַלאַנט". 2009

ש. ניגער, פער 106, 1061.

ה ו י פ ט ק ו ו א ר ט י ר - די, =ן. דאס זיצארט פון

דער העכסטער מיליטער=פירערשאפט.

1936 " מיט א מאל איז זיין רו אין הויפטקוואַרטיר

2003 צעשטערט געווארן. אין דער רעזידענץ איז אומרויק געוועזן....

י. י. זינגער, 6, 509.

480 ה-

ה ו י פ ט ר א ל ( ע ) - די, ~ ראלן/ראלעס.

1919 " אינעם נאציאנאלן לעבן שפילן די הויפּט ראלע די

2012 אינסטינקטיווע זאכן |...|".

זשיטלאווסקי, 10, 63.

ה ו י פ ט ר ע ד נ ע ר – דער, =ס/ מצ דז.

1947 " די פייערלעכע דערעפענונג פון דער |...| ביבליאטעק

2016 איז פארגעקומען אין דעצעמבער 1912. י.ל. פרץ איז

איינגעלאדן געווארן פארן הויפטרעדנער".

יזב 8, 26.

ה ו י פ ט ש א ס יי - דער, =ען.

1974 " |...| האבן מיר באשלאסן צו גיין דורך זייטיקע

2023 וועגן און שטעגן, אויסמיידן דעם הויפטשאסיי".

יזב 17, 268.

ה ו י פ ט ש ט א ט – די ~ שטעט. די שטאט וווּ ס׳געפינען זיך די העכסטע מלוכה=ארגאנען פון דער מדינה.

1866 " |...| עס איז געקומען א באפעל פון קיניג, מען זאל ארויסטרייבן אלע יידן פון בעהמען=לאנד, וואס פראג איז איר הויפטשטאט". 2030/1

דיק, 25.

1910 " |...| לאזט ער זיך אראפ |דער געטלעכער גייסט| אויף דער הויפטשטאט פון לאנד מצרים". 2038

פרוג, 3, 7.

1930 " |...| פאבריקן, גאלדגרובנס און באן=ליניעס – און אין מיטן ליגט די הויפטשטאט.סאקראמענטא". 2029

איינהארן, 7, 207.

1948 " די הויפטשטאט מאסקווע האט באקרוינט דעם וועג |...|".

מארקיש, 9, 53. 2031

ם

הויבט שטאט.

1544 " דוד אונ׳ דיא זיינן אין דער פלשתים לאנד טראט.//

2037/1 צו דעם קוויניג אכיש געין גת אין דיא הויבט שטאט".

שמואל=בוך, סטר׳ 692.

1679 " אונ׳ יעקב קאם צו זיינם פאטיר יצחק קין ממרא

2037 אין דיא הויבט שטאט דיא דא הייסט חברון |...|".

בליץ, בראשית, לה - כז.

1743 " דא האבן זיך דר קינג אונ׳ דר פעלד אוברשט לאזן

2041 (מל)זיין |...| אונ׳ זיא ווידר קערטין נאב איר

הובט שטאט".

שארית ישראל, דף ל"ב.

ה ו י פ ט ש ט א ף - <u>דער, =ן.</u>

1965 " |...| איך א געוויסן זין איז דער דאזיקער

שטאף |קראכמאל| דער <u>הויפטשטאף</u> פונעם גאנצן באשאף". 2043

<u>י. גלעז, פער 155, ז!V30.</u>

486 ה-

ה ו י פ ט ש ט י ץ( ע ) - <u>די, =עס/=ן.</u>

די גרעסטע לויטן סכום שטיצע.

1947 " מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט=מלחמה |...|

האט זיך די סובסידיע פון דער ייק"א, די <u>הויפּטשטיצע</u> 2046

פון שולבודזשעט, א יסגעלאזט".

<u>יזב 8, 69.</u>

ה ו י ף I - דער, מצ הייף/הויפֿן.

1. א פלאץ ביי א הויז, ארומגעצוימט מיט א פארקאן אדער ארומגעשטעלט מיט ווענט פון אנדערע הייזער.

% ארייַנפארן אין הויף. דער טויער פון הויף איז פארמאכט. קינדער שפילן זיך אויפן הויף. די פענצטער פון הויז גייען ארויס אויפן הויף.

1863 " אין איטלעכן הויף |אין א"י| איז דא א גרוב. אויסגעקאלכט און עס זאמלען זיך דארט די וואסער". 2106/1

דיק, 10א, 20.

1910 " |...| זומערצייט, שבת=שירה, די פייגעלעך פרייען זיך, שפרינגען פון די דעכער אין הויף אריין, עסן גרעטשענע קאשע |...|". 2106/2

פרוג, 3, 45.

|1931-1926| " וואס, זיי וועלן גיין איבער די <u>הייף</u>?".

2106 <u>אפאטאשו, 15, 13.</u>

1954 " די איינציקע גויים |...| דא זיינען געווען

2057 פויערים, וואס פלעגן ארייננפארן אין יידישע <u>הויפן</u>,

אוועקשטעלן זייער פערד=און=וואגן".

<u>ה. שישלער, יזב 10, 124.</u>

2. אין מאנארכיע=מדינות - דער קיניג (קייסער, פירשט)

און זיין נאענטע סביבה, טייל מאל אויך געמיינט די

רעזידענץ פון הערשער.

% דער קיניגלעכער <u>הויף</u>. מען האט געשיקט א שתדלן צום <u>הויף</u>.

אין <u>הויף</u> פון פירשט איז געווען |...| א גרויסער באל.

1886 " |...| מען האט אים גלייך א שיינעם צימער איינגעצייגט

אין קייזערלעכן <u>הויף</u>". 2117

<u>יאסעלאוויץ, 1א, 25</u>.

1910 " זאגט דער מלך, אז פון וואנען דאס פינגערל קומט,

וויל ער נישט וויסן - מאלע וואס עס טוט זיך אין <u>הויף</u>".

<u>פרץ, 17, 393</u>.

1920 " ניקאלאי-ראמאנאוו |...| האט אפשר דאן דערפילט, ווי

נישטיק עס איז די קרוין, מיטן טראן מיט אלע <u>הויף=אינטריגעס</u>! 2120

<u>סעגאלאוויטש, 5, 68</u>.

1918 " |...| ער האט א הארעם מיט פינף און צוואנציק

קעפסווייבער, |...| א <u>הויף</u> פול מיט שקלאוון |...| 2120/1

און א לייבוואך פון דריי הונדערט באשי=בוזוקן |...|".

<u>ברוסילאוו, פער 38, 62, 167</u>.

3. די רעזידענץ און גיטער פון א רייכן ערד=באזיצער (פריץ, מאגנאט), אויך דער פריץ און זיין נאענטע סביבה.

% דער ייד איז א רייניגייער אין הויף פון די פאטאצקיס.

1912 " די קאמעניצער פריצים פלעגן ארייגשיקן דעם אסעסאר היי און האבער און פון אלדאס גוטס, וואס זיי האבן געהאט ביי זיך אין די הויפן". 2076

קאטיק |ב?, ז'?|.

1957 "דער אישאנסקער 'הויף' איז געלעגן אויפן סאמע שפיץ פון בארג".

ברוסילאוו, 2, 328.

1973 " די יידן זענען געצוווּנגען צו קויפן גריגוואַרג פון הויף און צאלן 2 זלאטעס פאר א פונט". 2076/1

יזב 18, 53.

4. די רעזידענץ פון א חסידישן רבי, אויך דער רבי אליין
און זיין סביבה.

% דער גערער הויף, דער בעלזער הויף.

1876 " אונדזער ר׳ ליטמאן |...| האט אנגעשריבן א בריוו
2069 |...| און איז געלאפן צום רבין אין הויף אריין".
קאלמוס, 1, 13.

1909 " זייגער צען האט מען אויפגעפראלט דאס ׳שלום=שטיבל׳:
2069/1 דער רבי נעמט שוין צוריק אן !... און דער הויף האט
צוריק אויפגעלעבט".
וויעוויארקא, 1, 9.

|1926-1931| " דער גאנצער הויף האט געלעבט מיט דודל חולאחן".
2105 אפאטאשו, 10, 160.

1968 "חסידים |...| האבן ארומגעשמייעט אין די רבישע
2054 הייף, ווי נאכט=פלאטערלעך ביי א ליכט=לאמפ".
מ. אלבערשטיין, יזב 2, 203.

5. א גרעסערע דארפישע ווירטשאפט, בעל=הבתישקייט.

... " אלע האבן א הויף, און אויף יעדן הויף איז דא אן
2112 אבארע |= שטאל| מיט בהמות צו דער שחיטה".

פרץ, 7, 203.

... " |...| איז קיין צעבראכענער שילינג ניט געבליבן
2099 מזומנים. דאס איינציקע וואס איז פארבליבן איז געווען
דער הויף: די געביידעס, בהמות, די פערד=און=וואגנס".

י.י. זינגער, 9, 166.

1951 " |...| פארבייגעוואנדערט האבן יידן, גרעסערע אדער
2099/1 קלענערע ׳בעל=הגופישע׳ הויפן, וואס די אייגנטימער
האבן פארלאזט צוזאמען מיט סטאדעס בהמות און עופות".

ל. שטיין, פער 106, 113.

0

**באנהויף** – דער, ~הייף/~ הויפן. וואקזאל, באן סטאנציע.

1928 " |...| אויפן פארברענטן **באנהויף**, צווישן אויסגעקרימטע
2092/1 און צעקאליעטשעטע באנוויזערס, איז געשטאנען א לאנגער
עשאלאן מיט דייטשישע רעפאטריאנטן".

קושניראוו, 3, 6.

**שולהויף** – דער, ~הייף/~ הויפן. הויף ביי א שול
(בית=מדרש) אדער צווישן עטלעכע שולן, וואס זענען געשטאנען
נאענט איינע צו דער אנדערער.

% די חופה האט מען געמאכט אויפן **שולהויף**.

1887 " איין מאל האט זיך ארייגעוויזן א שוסטער אין דער
2092/2 גרויסער שול אנגעטאן אין א זיידענער דעליע, האט אים
דער פרנס=חודש |...| געלאזט ארויספירן אויף דעם **שולהויף**|...|".

דיק, 96, 17.

1900 " אונדזער שולהויף האט צוויי געשטאלטן: אין דער
2092/3 וואכן איז ער אנדערש, שבת און יום=טוב - ווידער אנדערש".
שלום=עליכם, 20, 21.

|1948| " די שטערן דאס זענען פון שולהויף די יידן |...|".
2092/4 סוצקעווער, 13, 55.

פּפּ:

גרויס ווי א הויף - זייער גרויס, געראם.

פוו"ל:

עס גייט אוועק פאפיר, ווי אין א הויף - זייער א סך,
א סך פאפיר, א סך ביוראקראטיע.

אז גאט העלפט, מע לאזט שוין אריין אין הויף, זאגט דער
לאקיי: פאן יע, פאן שפּי, פאן גאשצי מא!
|דער פּריץ עסט, דער פריץ שלאפט, דער פריץ האט געסט| -
ס'איז זייער שווער אונצוקומען צום פריץ.

<u>מאכן דעם הויף</u> - (<u>עלט</u>) אווירן, צושארן זיך, שדכנען זיך: אוכאזשעווען.

1815 " הט מען אורן (=איר) אן גהובין צו ריידין שידוכים מיט דעם מלך אונ ער הט אור <u>גימאכט א הוף</u> אזו ווי דער סדר אוז |=איז|".

<u>בראסלאווער, 1, דף ל"ד</u>.

<u>שוו:</u>

<u>יעדער הויף האט זיך זיין נאר</u>.

<u>כל=זמן מע זיצט אין הויף, איז מען א האר; אז מע ווארפט ארויס פון הויף איז מען א נאר</u>.

<u>וואס קומט מיר ארויס פון מיין פויליש ריידן, אז מע לאזט מיך אין הויף נישט אריין</u>.

ם
## הויף / הוף / הוב.

.1 ←----

1661 " |...| אונ׳ זיא ווארדן פול דיא הייזר אונ׳ דיא
2127 העף פון דעם דער שלאגגנן |...|".
יוסיפון, 2, דף שנ"ג.

1769 " אויש דען הויף געהט מן היניין אין איין גרוש
2127/1 גיוועלב |...|".
ס׳ ידי משה, דף ל"ו.

.2 ←----

1541 " ולוקש לוף ער אין דיש קוניגש הוב אונ׳ צו דרוזייאנא
2103 קאם ער גיגאנגן |...|".
בבא=בוך, סטר׳ 285.

1610 " |...| זיא ליגט אן אסתר קלייד דז קיניגרייך אונ׳
2095 זיא שטונדא אין הוב דש קיניג". טייטש=חומש, אסתר, ה - א.

ה ו י פ̄ =...!! - באשטימטייל פון צונויפהעפטן, גיט צו דעם באטייט: פון הויף, שייכדיק צו הויף(ס׳רוב אין ב׳2).

% הויף=אינטריגעס, הויפדיכטער, הויפזינגער, הויפמארשאל, הויפנאר, הויף=עטיקעט, הויפראט א"א.

ם (?ב?)

הויף <u>דדד</u> – נאר ווי דער צווייטער טייל פון קאנוווערב

" <u>צו הויף</u>" צוזאמען.

1676 " |...| אונ׳ דיא יונגי גינגין אלי טאג <u>צו הויף</u>

2058/1 אונ׳ קאנטן ניט טרעפין וויא זיא זולטן ענטוורטן

|=ענטפערן|".

<u>ברנט שפיגל, פרק ל"א.</u>

(?נ?) ם ה ו י ף IV - דער, =ן. מחנה, אפטייל, געזעמל.

1544 " איך זיך אין אירם הויפן |פון די פלתים|
אנגשט אונ' גרושיא נוט.// עש וואלן ויל דער היידן
2084 אונ' זיין גישלאגן טוט".
שמואל=בוך, סטר' 221.

1716 " |...| אונ' ער טיילט דיא דרייא הונדרט מאן אויף
2128 דרייא הויפן אונ' ער גאב (שופרות) אין דיא הענט זיא אלי".
ס' המגיד, 3, דף כ"ה.

500 ה-

ה ו י ף = ב ד ר ו ן | ~ באדכען | דער, =ים | באדכאנים.

דזוו הויף=לץ.

1937 " די אינסטיטוציע פון א הויף=בדחן איז אין אייראפע

2157 באזונדערס אנטוויקלט געווארן אין מיטלאלטער".

עלזעט, 3, 6.

ה ו י פ ג ײ ע ר - דער, =ס/ מצ דז.

1. הענדלער , וואס טראגט ארום פארשיידענע סחורות צו פארקויפן איבער די הויפן.

2. בעטלער, וואס גייט ארום בעטן נדבות איבער די הויפן.

ה ו י פ ג ע ז י נ ד - דאס, =ער. (עלט) די מקורבים פון
א קיניג, פירשט, זיין סוויטע.

1934 " |...| אזוי ווי ער |שלמה המלך| וואלט שוין אליין
2164 נישט געוויסט, וואס ער טוט, א כאפ געטאן די קרוין אויפן
קאפ, און דאס גאנצע פלייש, וואס מ'האט אנגעגרייט פארן
הויפגעזינד צום פרישטיק - אויפגעגעסן".
מ.ל. האלפערן, 5, 110.

ם
הוף גיזינד.

1595 " קיין אשה אודר בתולה |...| זולין ניט טארן גין
2163 במרחצאות של גוים, כל זמן דער מלך יר"ה אודר זיין
הוף גיזינד היא איז".
קראקעווער קהלה תקנות".

1697 " זו צוגן זיא היך וועק מיט זיינס הוף גיזינד

2165 אונ׳ מיט איין גרושן פאלק אונ׳ מיט גרושן ערן".

דער טויטנשלעגער, ציט אויע III, ז׳ 470.

ה ו י פ ד אַ מ ע - די, =ס/ =ן. פרוי פון דער אריסטאקראטיע,
וואס געהערט צו דער סוויטע פון א קיניגן, קייסערין.

1866 " אז עס וועט שלעכט וועטער זיין, וועלן די קייסערין
2119 די פרינצעסין און הויפדאמען |...| ניט גיין צו דעם
קראנשטאטע רייד".
פער 177, נ׳ 37, ז׳ 558.

1910 " די מלכה זיצט פארטראכט, פארלירט דאס נאָטיכל
פון שויס, הייבט עס א הויפדאמע אויף |...|".
פרץ, 17, 392.

ה ו י פ ד א ק ט א ר - דער, ~ דאקטוירים. דער דאקטאר וואס האט באדינט דעם קיניג און זיינע הויפלייט.

1934 " |...| וואס קומט ארויס, אז לעבן מיר, ביים

2170 קראנקנבעט // דער הויפדאקטאר שטייט מיט באקן אט אזוינע צוו"!

מ.ל. האלפערן, 4, 90.

האף דאקטר.

1743 " |...| ער האט גהאט איין יהודי פר האף דאקטר".

2171 שארית ישראל, דף ל"ח.

ה ו י פ ד י נ ע ר - דער, =ס/ מצ דז. דינער, אויך איינער פון די באאמטע פון א קיניג, א פירשט.

1829 " |...| און די מדינים האבן אים פארקויפט קיין מצרים צו פוטיפר דעם הויפדינער פון פרעה, דער פירשט פון די לייב גארדי |=גווארדיע|". 2180

חמשה חומשי תורה, דף כ"ג.

1941 " און פרעה האט געצערנט אויף זיינע צוויי הויפדינער, אויף דעם אייבער=טרינקמייסטער און אויף דעם אייבער=בעקער". 2175

תרגום יהואש, בראשית, מ - 2.

(?נ?) ם הויף האלטונג - די, בא. הוצאות אויסצוהאלטן

דעם הויף, זיין ווירטשאפט.

1723 " איין מלך דער גיבט זיינם הויף מיינשטר געלט צו

2183 דער הויף האלטונג אונ׳ ער מוז דעם מלך חשבון געבן

אלי יאר |...|".

שמחת הנפש, דף לח.

ה ו י פ ה ו נ ט - דער, ~ הינט. א הונט פון פשוטער ראסע,

ס׳רוב א וואכהונט אין א דארפישער ווירטשאפט.

## הויפזינגער - דער, =ס/מצ דז.

1. (עלט) פאעט אדער מוזיקער אויף א קיניגלעכן הויף.

1959 " ווי אין יעדער מאנארכיע זענען באלד אנטשטאנען

2196 הויפזינגער, הויפלעקער און פארקערט - קעגנער".

באשעוויס, פער 155, 5/IX.

2. א זינגער וואס פארדינט זיין פרנסה מיט ארומגיין איבער

די הויפן פון א שטאט און זינגען.

1969 " |...| פון דעם שפילן און קונצן=מאכן האבן הונדערטער

2195 אזעלכע הויפזינגער געמאכט א לעבן".

מ. פולאווער, פער 69, 11/IX.

ה-

ה ו י פ ט ל - ----> הייפטל.

511 ה–

ה ו י פּ ט ל ײַ ט – די, מצ. פון הויפּטמאַן (אָנפירער, קאָמאַנדיר, עלטסטער).

1832 " זענען זייא אלי תיכף ארויס געגאנגען |...| און

1918/1 האבין אן גערעכט דיא כלי מלחמה, און האט גנומן זעקס הונדרט הייבט לייט מיט זייערי כלי משחיתים |...|".

איבן אַנ, מחזור, 2, דף 3.

ה ו י פ ט ע נ ד ל ע ר - דער, =ס.א הענדלער, וואס קויפט

אויף אלטווארג אויף די הויפן פון הייזער.

1885 " |...| דער צווייטער מיסחר |...| איז: הויפטענדלערס,

2204 דאס איז א מיסחר, וואס מיט עטלעכע קערבלעך קען אים פירן

גאנץ ברייט".

א. בוכבינדער, פער 74, ג' 47, ז' 724.

ה ו י פ יי ד  –  דער, =ן. (עלט) א ייד וואס האט

געהאט א צוטריט צום הויף פון א קעניג, א פירשט,

א גרויסן פריץ, פלעגט פירן זיינע פינאנץ=ענינים אד"גל.

1916 – 1917  " דער'הויפייד' איז געווען מיט זיין שררה

2209 ענג פארקנעפלט, דער פרץ האט אן אים ניט געקענט [illegible]

אויסקומען |...|".

ליטווין, 1.

1972  " |...| פורים האט ער |דער פריץ| געשיקט דעם

2207 הויפייד שלח=מנות".

באשעוויס, פער 155, III/X, 29.

ם

הוף יהודי.

1723  " |...| עז איז גוויזן איין מלך און שפאניא האט

2207/1 גיהאט איין הוף יהודי דען האט דער מלך זער ליב גהאט".

שמחת הנפש, II, דף כ"ב.

(?נ?) ה ו י פ י ק – אדי. דזוו הויפיש, ב׳ 1.

... "|...| דא ווידער איז דער הויפיקער א גאלדענער ערל".

2129 ווענדראף |ווערק?|.

ה ו י פ י ר ן - טרוו/אוטוו. דזוו אווירן/הו·ווירן.

מה"ד:

1958 " |...| אזא נאיווער בחור, ס׳איז גארנישט געווען צו
דערקענען אויף אים, אז ער הויפירט דיך". 2284
איבז א. רובינשטיין, 1, 83.

ם
הובירן.

1544 " נון, האב איך ניט גיהובירט קיינם ואלשן ווייב|...|".
שמואל=בוך, סטר 1081. 2287

1680 " |...| איין טייל |ווייבער| שעלטן און פלוכן,//
איין טייל מיט שפאצירן, און׳ איין טייל מיט הובירן". 2286
צוכט שפיגל, הקדמה |ציט פער 90, ג׳ XIV - 3|.

ה ו י פ י ש - אדי/אדוו.

1. פון הויף, שייכדיק צו הויף I (ס׳רוב אין די ב"ב 2 - 4).

1930 " פארן פענצטער האט פארבייגעשוועבט א יונג שיין מיידל

2132 |...| אויף א הויפישער בריטשקע".

אייגנהארן, 7, 270.

1960 " און דער הויפישער האר האט אריינגעהאפסלט און

2136 זיך פארבויגן פאר זיין האר".

י. פרידמאן, 2, 48.

1968 " |...| דעם רבינס עלטסטער זון |...|, וואס זיין

2135 ׳אנדערש זיין׳ פון טאטן האט שוין דעמאלט |...| אנגענומען

פעסטע פארמען, בעיקר אין ענינים פון הויפישן לעבנס=שטייגער".

א. קאליש, יזב 2, 197.

2. לייטיש, העפלעך, פריציש.

% ער פריט זיך הויפיש.

3. (<u>שגל</u>) "וואס איז ניט אפן, ניט פראנק און פריַי,

נאר אויף הינטערוועגן איז לינק, ניט כשר"

2134 |<u>בלומענטאל, פער 90, XXI - 3</u>|.

ה ו י פ ל – ←------ הײפל פקפ פון הויפן).

519 ה־

ה ו י פ ל יי ט - די, מצ פון הויפמאן.

1866 " אוודאי האט ער |מרדכי| נישט געוואלט אים דעם כבוד אפגעבן, וואס דער אויפגעקומענער רשע האט פארלאנגט פון אלע הויפלייט".

ארז, פער 177, נ׳ 7, ז׳ 101.

1927 " ליידט דער קעניג אויפן מאגן,// דארף מען דאך טראמפייטן בלאזן?!// דארפן דארף מען, האבן אבער// אלע הויפלייט אים פארלאזן". 2213

מ.ל. האלפערן, 2, 205.

1951 " לאגעלא, יאדוויגא און וויטאווט מיט די קאטוילישע הויפלייט זענען אריין אין ווילנע און אויסגעהאקט די הייליקע ביימער און פארלאשן דאס הייליקע פייער |...|". 2213

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 323.

ה ו י פ ל י נ ג - דער, =ען. איינער פון די הויפלייט פון א קיניג, פירשט אד"גל.

1949 " |...| ער איז א צו גוט דערצויגענער הויפלינג

2141 און ווייסט צו פיל פון אלע אינטריגעס, וועלכע ווערן געטריבן אין רוסישן הויף".

שניאור, 11, 84.

1968 " איך זע דעם חוזק=שטערן // אין אלע ליפן=ווינקלען,//

2138 אין יעדער חניפה פון א הויפלינג,// אין יעדן קני=בייג פון א דינער".

לעיעלעס, 6, 543.

(?נ?) ם | הויפֿלען | הויפֿלין זיך - אוטור.

צונויפזאמלען זיך אין הויפנס אין גרופקעס.

1676 " |...| ווייבר דיא זיך הויפלין |...| אונ זיצן

2289 אויף דען טוירין אונ׳ רידן דברים בטלים |...|".

ברנט שפיגל, פרק ט"ו.

522 ה-

ה ו י פֿ ל ע ך I - אדי/אדוו. (עלט) העפלעך, מיט גוטע מאנירן, איידל.

523 ה־

2289/1 ה ו י פ ל ע ך II - די. מצ. " א שפיל אין גיס"|קטוו|.

רעד: דאס קארטל איז מיט א שטעמפל "בערנס"
(בערנפעלד?) און גיט אן אן עטימאלאגיע
"פון
אגב דער טעקסט איז דארט "האיפלעך".

ה ו י פֿ ל ע כ ק יי ט – די, בא. (עלט) העפּלעכקייט,

גוטע מאַנירן, איידלקייט.

1874 " |...| ווי די הומאַניטעט (מענטשן=ליבע), אַרטיקייט,

2142 הויפֿלעכקייט |...|".

דיק, 74, 24.

ה ו'ף = ל ץ - |~ לצנים |~ לייצאנים|.

איינער וואס זיין ראָלע אויף א הויף פון א קיניג, א פירשט, א שררה איז געווען פריילעך צו מאכן, צו פארווילן מיט וויצן, שפאסן, קונצן און פארשיידענע פאיאצישע שטיק (איך געווייסע רביידע הויפן פלעגן אויך זיין אזעלכע לצים אדער בדחנים).

1937 " |...| פלוטארק דערמאנט וועגן א הויף=לץ אינעם הויף פון פערסישן קיניג". 2226

עלזעס, 3, 6.

1969 " פונקט ווי דער 'חוזה' האט אויך ר' יחזקאלע קוזמירער געהאט ביי זיך א הויף=לץ, וועלכער האט געשפילט די ראָל פון פורים=רב און גענומען קוויטלעך". 2227

ש.ל. שניידערמאן, פער 9, ר"ה =נומער.

ה ו י פ מ א ן – דער, מצ הויפלייט. אדלמאן, וואס פירט אוים א געווויסן אמט אין קיניגלעכן הויף (למשל, דער הויפמארשאל, דער שאצמייסטער א"א).

ה ו י פ מ אַ ר ש אַ ל – דער, =ן. דער עלטסטער באַאַמטער

פון אַ קיניגלעכן אָדער פירשטלעכן הויף.

1866 " דער הויפמאַרשאַל פונעם קרוינפּרינצס הויף און די

2230 דאַקטוירים פון זייערע האָהייטן |...|".

פער 177, נ׳ 37, ז׳ 559.

## הויפמײ(נ)סטער - דער, =ס.

דער צערעמאניע=אנפירער אויף א קיניגלעכן הויף.

1866 " קאמער=פרײַלינגס, הויפמײסטערס |....| און דער
2243 שטעלפארטרעטער |...|".

פער 177, נ׳ 37, ז׳ 559.

1902 " נפתלי איז |...| נישט מער ווי א ממוכן, א מין
2242 הויפמײסטער ביים קיניג אחשורוש".

שלום=עליכם, 17, 226.

## הוף מײַנשטר.

1679 " אונ׳ דיא מדיינים פר קויפטן אין אין מצרים אין
2236 פוטיפר דער קעמרלינג פון פרעה אונ׳ זיין הוף מײַנשטר".

בליץ, בראשית, לז - לו.

1743 " אונ׳ ער נאך אויש זיין (אוצר) פינף טויזינט צענטר
2233 גאלד אונ׳ גאב עש אן זיין האף מײַנשטר".
יוסיפון, 4, דף כ"ח.

ה ו י ף = מ ש ר ת |~ מעשארעס| - דער, =ים |~ מעשארסים|.

באדינער אויפן הויף פון פריץ, א רייכן מאן, פון א

חסידישן רבין אד"גל.

1931 "|...| לויפן אלע הויפמענטשן, שמואל דער הויף=משרת

און |...| די אלטע קעכין בתוכם אנקוקן דעם לאמטערן

מיט די קונציק אויסגעשניצטע אותיות".

זילבערבוש, 3, 14.

ה ו י פ ן ! - דער, =ס. פּקפּ הייפל, הייפנדל.

1. אן אנזאמלונג (פון זאכן), א קופע, א קוטשע, א הורמע, א בערגל.

% א הויפן שטיינער. איך הויך ליגט א הויפן שפענער. איך מארק זעט מען הויפנס פּרוכטן.

1805 " |...| איין שאטין פון איין בלאט |...| צייגט
2307 זיך פר דיר זוא וויא איין גרושר הויפין אונ בערג |...|".
איבן א. פאוויר, 1, דף ט"ו.

1928 " |...| ווען טויט האט הויפנס ביינער אנגעהוירבעט".
2332 פיינבערג, 1, 59.

1949 " |...| טראגנדיק איןביידע פארריסענע הענט איבערן
2331 קאפּ זייערע ביקסן, וועלכע זיי האבן געווארפן צו דער ערד אין א הויפן".
י.י. זינגער, 9, 61.

2. א זשמעניע, א האנטפול, א קליין ביסל.

% די קינדער האט מען געגעבן הויפנס צוקערקעס.

שעפן פולע הויפנס.

1848 " |...| אנגעמען פלוצעם דעם |...| צאַפּ פאר דער באָרד
2334 און אויסרייסן אים א פולן הויפן האר |...|".

מענדעלע, 3, 21.

1911 " |...| פולע הויפנס ליבשאפט האט איר געטאן אויסגיסן
אין זייער שלום ארייַן |...|".

שלום=עליכם, 23, 258.

1921 " פון די הימלען פליען שטערן,// ווי שליחים
2337 אומבאוווּסטע,// שטעל אן רייזל ביידע הויפנס,// נאר
די הויפנס בלייבן פוסטע".

סעגאַלאָוויטש, 6א, 15.

1956 " איך שעפ אן א הויפן גאלד און לאז עס פאר די ווינטן|...|ג"

2329 שומיאטשער, 4, 41.

3. (לאקל, וולאצלאוועק) א קופע צואה, טינוף |פער 92, ג׳14|.

זיין א הויפן ביינער - זיין זייער מאגער, אויסגעדארט.

האבן מיט הויפנס צו שארן - האבן אלץ, א סך, זיין רייך.

לאכן אין די הויפנס - לאכן פון עמעצן. אז יענער זאל נישט קייכן אין די הויפנס - דזוו דפוו.

אויסטוישן (פון) א הויפן אויף א דרעק - (רעג, גאליציע).
"אויסטוישן א שלעכטע זאך אויף נאך אן ערגערע.

(?ב?) שרו:

א קלאג איז צו פוילן, אז רויזן דארן און הויפנס בליען.

| |
|---|
| רעד: לויט סטוטש (גרופע 459) האט עס א שייכות צו שלעכטער הערשאפט, פארוואלטונג, אבער ס'איז ניט קלאר, אוך אפשר שאוויניסטיש אויך... |

הויפן/הופא.

-----> 1.

1660 " גל - הופט, ל' ויעשו גל אבנים".

2320 רייכלין, איוב, ח- יז.

1610 " |...| דיין בויך אז איין הויפן ווייץ דער דא

2310/1 אישט גיציייכנט מיט רוזן".

טייטש=חומש, שיר השירים, ז- ג.

1716 " אונט זיא אויף, ריכטן אויף אים איין הויפן

2319 מיט שטיין |...|".

ס' המגיד, יהושע, דף ו'.

3. מחנה, אפטייל, געזעמל (מענטשן).

1544 " |...| זיא ווישן זיך ניט צו הויטן דש וויר איך
היינט נאך יאגן // זוא וועלן מיר אורביצליכן |=פלוצעם|
אין דען הויפן שלאגן".
שמואל=בוך, סטר' 1494.

1610 " |...| דא פרעגט ער איטליכן הויפן באזונדר וועם
קערט עטש אן האבן זיא אל גיענטוורט מיר קעריך צו יעקב |...|". 2308
טייטש=חומש (מדרש), בראשית, לב.

1679 " |...| אונ' דער אלמעכטיגי גאט זעגיני דיך, אונ'
מאכי דיך פרוכטבאר אונ' מערי דיך דז דוא ווערשט 2309
איין הויפן פעלקר".
בליץ, בראשית, כח - ג.

ה ו י פ ן <u>!!</u> - <u>טרוו</u>. <u>פּפ</u> הויפּענען (איך הויפּן, האב געהויפּנט/ געהויפּט). אויפזאמלען, צונויפנעמען (צונויפקלייבן) אין הויפנס.

% <u>הויפּענען</u> תבואה.

1908 " |...| אינטערעסאנט איז געווען די מיטלסטע בארל

2121 |באריל?|, וועלכע איז געשטאנען אנגעלייגט פול, <u>געהויפּט</u> מיט א ׳ווערך׳ |=שפּיץ|, כמעט מיט א קרוינדל".

<u>ראזענפעלד, 4, 158</u>.

1962 " ס׳האט היינט דער ווינט א גאנצע נאכט געוויינט//

2392 און <u>האט</u> אין סטעפּ <u>געהויפנט</u> שניי אויף שניי".

<u>א. גאנץ, פער 131, נ׳ 1, ז׳ 93</u>.

ם 1610 " |...| אונ׳ זיא זאמלן אל דש קורן דיא יאר

2375 דיא גוטן דיא דא קומן אונ׳ זיא זולן <u>הויפּן</u> קורן אונטר [illegible] ביוואלט פרעה".

<u>טייטש=חומש, בראשית, מא - לא</u>.

1626 " איין מענש טוט הויפנן תבואה איין שניט |...|".

2386 ס' המגיד, 1, תהילים, לט - ז.

1716 " אונ' זיא האבן גיהויפט און גישט |=געשיט| איין

2362 שאנץ קארב אודר איין שיטונג |...|".

ס' המגיד, 3, דף ע"ז.

(?בנ) ם | הויפן / הויפענען | הופן - שיצן זיך,

געפינען שוץ. מה"ד:

... " חסיתי - איך הופטא".

2368 רייכלין 8, תהילים, ז - ב.

1716 " עס האט בגריפן איין ציטרנס דיא שמייכל אונ׳

2385 אזו הבן זיא גירעט ווער זאל הויפנן כלומר ווער זאל

פר אונש שטין צו שטילן דען ברענדיגן צארן פון הש"י".

ס׳ המגיד, 3, ישעיה, לג - יד.

ה ו י פ נ א ר - דער, ~ =ן. דזוו הויף=לץ.

1934 " און איך, זייך הויפנאר, הויקערדיק ווי אלע מאל,//

2256 בלאז מיין ליולקע=רויך און לאך מיר אויפן קול |...|".

מ.ל. האלפערן, 5, 178.

1960 " |...|קיינער חוצן רבין, וואס איז געלעגן אויפן פאל,

2262 און דעם הויפנאר, וואס האט אפגעציילט דרייסיק שמיץ

פון קאנטשיק אויפן רבינס לייב |...|".

י. פרידמאן, 2, 49.

ה ו י פ נ ד י ק - אדי/אדוו. (נש) דזוו הויפנדיקייט

|מארק רוב 1807|.

|| הויפנדיקייט - די, בא. (נש) די אייגנשאפט צו זיין

הויפנדיק |מארק רוב 1807|.

(?נ?) ם ה ו י פ נ ד י ק – <u>אדוו.</u> ~~[illegible]~~ אויל!

1744 " דיא צייט גיסט אויף זיא <u>הויפינדיק</u> אייליגדיגי

2143 שטראף אונ׳ שארפי דער צעכניגי שטראף אין אלי הויפט גאשיק".

<u>בחינת עולם, דף י"ד.</u>

| |
|---|
| רעד: גיט זיכער אין אויסטייטש! |

ה ו י פ נ ד ל – דאס, =על.

1. פּקפּ פון הויפּן.

% א הויפּנדל קערנדלעך.

2. א קליין ביסל, א ביסעלע, א קליינע צאל.

1917 " |...| דא, אין דעם קליינינקן הויפּנדל מחברים

אוןּ ספרים קלאפּט אפשר דער לעצטער אדער פון דעם יידישן 2359

פאלקסלעבן".

זשיטלאווסקי, 5, 35.

ה ו י פ נ ו יי ז - אדוו.

1. אין קופעס, קופעסווייז. איך בינטלעך אין בערגלעך.

צונויפשארן הויפנווייז.

% דאס היי ליגט צעשיט הויפנווייז איבער דער לאנקע.

1888 " קומען הונגעריקע קי און שליידערן עס

2147 |דאס שנייפענדל| ביים ארויסשלעפן הויפנווייז שטרוי

אויפצופרעסן".

מענדעלע, 3, 109.

1927 " האט די פראצע טויזנט מיילער, // האט זי ציין צו

2354 ברעכן שטיינער,- // פרעסט זי מענטשנפלייש און

גראמשקעט // הויפנווייז,ווי שטרוי, די ביינער".

מ.ל. האלפערן, 2, 25.

1972 "א ווילדער פארעקשנטער ווינט האט כסדר געקליבן

2145 די ווייסע קארשנבוים=בליטן פון דער ערד און זיי

הויפנווייז געשליידערט אין ווירבלטאנץ פון רויך און

רעדער".

ראזענפארב, |ב'?|, ז' 12.

2. גרופעסווייז, מחנותווייז, מאסנווייז.

1929 " הויפנווייז פארלאזט דער יונגער דור די שטעטלעך

2350 און גייט קיין ווארשע צום איינציקן גרויסן יידישן צענטער,

זוכן בילדונג, אטעסטאטן, זיך 'אויסצומענטשלען'".

בעל=מחשבות, 1, 143.

3. אין זשעניעס, א זשמעניע, נאך א זשמעניע.

1973 " כ'בין אנגעקומען צום וויינגארטן, הויפנווייז

2146 האב איך געריסן די טרויבן |...|".

ראזענפארב, 3, 78.

ם **הויפן ווייז / הויפן ווייס.**

1. <-----

1626 " דאש גיט פון דער תורה דז איינר זמלט הויפן ווייז

2352 דאש זעלביג ווערט גמינרט ער פר געסטש |...|".

ס' המגיד, 3, משלי, יג - יא.

2. <-----

1743 " |...| דר ווערט אייך העלפן פון די הענד אייערי

2356 פיינד אונ' ווערט מאכן פאלין זיא פר אייך הויפין ווייש".

יוסיפון, 4, דף כ"ח.

ה ו י פ ן  ז י ך  -  אוטוו, פפ הויפענען זיך, פאר געהויפנט/ געהויפט זיך. אויפזאמלען זיך אין הויפנס, פארמירן זיך אין א הויפן/ אין הויפנס; בערגלען זיך.

1930 " |...| ווי דינע שווארצע נערוון הויפן זיך צוזאמען
2378 ביי איר די טעלעפאן=דראטן, דארט פלאנטערן זיי זיך, פאראייניקן זיך |...|".
איינהארן, 7, 88.

1941 " |...| און פון דעם הויך פון דיינע נאזלעכער
2364 האבן זיך די וואסערן געהויפנט".
תרגום יהואש, שמות, ט"ו - 8.

1973 " אויפן טיש האבן זיך געהויפנט בערג מיט זאקן,
2380 גרויסע און קליינע |...|".
ראזענפארב, 3, 323.

ם

**הויפן זיך –**

1721 " |...| דא האט הקב"ה גוואָרפן איין ווינט אין דש מער

2379 אונ׳ האט מאכין גליוורן דיא וואשר דש זיא זיך האבן

גהויפט |...| אונ׳ זיין גישטאנדן אז איין מויאר".

מחזור, 2, דף קל"ה.

547 ה-

ה ו י פ נ צ י ע ר - דער, =עס/מצ דז. (פאראדיש)

אפיציר |סטוטש 453|.

ה ו י פ ע נ ע ן ( ז י ך ) ----> הויפּן (זיך).

ה ו י פ ע ר - דער, =ס. אויפזעער פון הויף

(פון א הויז). (געװעזענער זען ציטאַטע).

1970 " איך פלעג מוזן צאלן דעם 'הויפער' - אזוי האבן

יידן גערופן דעם אנגעשטעלטן, וואס האט געדארפט אכטונג 2150

געבן אויף די איינוואוינער פון א הויף, און ער האט

געדארפט איינמעלדן און אויסמעלדן אין פאליציי".

א. גאלאמב, 69, 14/II.

| |
|---|
| רעד: ס'איז א קאלקע פון רוסישן"דווארניק" |

550 -ה

ה ו י ף = ק א מ י ט ע ט - דער, =ן. (שגל) קאמיטעט

אויסגעקליבן דורך די איינוווינער פון הייזער/בלאקן אין געטא.

1948 " די הויף=קאמיטעטן האבן געהאט אן אויפגאבע צו העלפן

2274 די ארעמע לייט פון באטרעפנדיקן הויף".

פ. רעמס, פער 44, נ' 3 - 4, ז' 27.

ה ו י פ ר <u>א</u> ט - <u>דער, =ן.</u> ערן=טיטל פאר באאמטע אין

געוויסע מאנארכיעס, אויך דער באאמטער מיט אזא טיטל.

ה ו י צ ע ן  - טרוו. (עלט?) העצן, אנריידן, ארויסרופן שינאה.

1867 " מען האט אויף זיי |אויף די יידן| געהויצט - זיי מאכן קאנטראבאנד, |...| באגנבענען די קרוין, גיבן שוחד". 2395

ארז. פער 177, נ׳ 26, ז׳ 197.

1882 " |...| היינט וויפל שרייען אויף זיי |אויף יידן| די יידן=פרעסער אין די גרעסטע מדינות |...|". 2396

פער 74, ?!/25.

ה ו י ק ע ן - <u>אוסוו.</u> <u>דזוור</u> האווקען (וועגן הינט).

ה ו י ק ע ר - דער, =ס.

1. שטארקע אויסגעפּוקלטקייט פון דעם רוקן אדער ברוסט פון פארנט, צוליב דעם פארקריפּלטן אויסקרימען זיך פון רוקנביין. אדער ברוסטקאסטן ביי א מענטשן.

1815 " |...| ובא בעטליר בעל חטוטרות שקוריין הוקיר".

2424 בראסלאווער, ציט מ. אונגער, פער 90, נ' XXVIII - 1.

1934 " |...| ער איז שוין אלט און האט א הויקער |...|".

2417 מ.ל. האלפערן, 4, 116.

1945 " |...| ווייס=ווייסע קיטלען, מתים און טליתים,// און איינער מיט א הויקער |...|".

סעגאלאוויטש, 9, 156.

2. פעטס=אפּלייגונג אין דער פאָרעם פון אן אנוווקס אויפן רוקן פון געוויסע בעלי=חיים, א שטייגער ביי א קעמל.

% דער קעמל האט צוויי הויקערס.

1922 " זיי טראגן, די קעמלען, אויף הויקערס // אריזיקן
2419/1 בארגלאנד פון מידקייט |...|".
מארקיש, 3, 8.

1968 " די אנגעטראפענע אראבער האבן |...| געלאכט פון
2413 אונדזערע מאטארן, וואס זעגען נישט ווערט דעם הויקער
פון א קעמל".
א. בייער, יזב 2, 391.

3. (טייל מאל אין פּקפּ הויקערל). וועגן דעם מענטשן וואס
האט א הויקער.

1926 - 1931| " ביי זיין פאטער איז נאך געווען א גאנץ
2415 יידיש לעבן, נישט געווסט, אז ערגעץ ווו. האט א 'הויקער'
|דא געמיינט משה מענדעלסאן| ארויסגעווארפן פון דער
קייט דעם 'ישראל'.
אפאטאשו, 8, 189.

1930 "עס שטייט פאר מיר דער שענקער: א קליינער |...|

2418 <u>הויקער</u> מיט א גרויסן מויל".

<u>איינהארן, 6, 57.</u>

1973 " |...| א דייטש |...| וועלכן מיר האבן גערופן

2423 <u>הויקער</u> |...|".

<u>יזב 18, 306.</u>

4. עפעס, אן אויסגעפוקלטקייט, וואס זעט אויס ווי א הויקער.

1921 " די הינטערשטע אדער די באקציין |...| האבן ברייטע

קריינדלעך מיט אפלאטשיק אייבערפלאך, וואס איז באדעקט

מיט טעמפע <u>הויקערלעך</u>".

<u>איבז בעל=מחשבות, 2, 29.</u>

5. צונאמעניש פאר א שלימזל, א טויגעניכטס |<u>סטוטש 438</u>|.

ט) קלוג ווי א הויקער - זייער קלוג, ביטרע.

הויגער גנב - צונאמעניש פאר א גנב.

א קלאפ אין הויקער - (שפאסיק) וועגן עפעס, וואס האט קיין

ווערט נישט, אן חשיבות, א קלייניקייט.

ס'איז געזונט צום הויקער - (שפאסיק) וועגן א רפואה,

מיטל וואס העלפט נישט אבער שאדט אויך נישט.

ס'פאסט ווי א הויקער צו דער וואנט - וועגן עפעס וואס

פאסט נישט אי, ניט גלייך, ס'טויג ניט.

נעמען אויף זיך א הויקער - נעמען אויף זיך אן עול,

א לאסט, שוועריקייטן.

שור:

יעדער זעט נאר יענעמס הויגער (אבער) ניט זיין אייגענעם

|וואר: קיינער זעט ניט זיין אייגענעם הויקער|.

אלץ קען מען פארשטעלן, נאר נישט קיין הויקער.

איין הויקער פרייט זיך, אז ער זעט א צווייטן (וואר:
ווען פרייט זיך א הויקער, אז ער זעט א צווייטן, א גרעסערן).

דער וואס א הויקער, מוז אים טראגן.

אן ארעמאן איז ווי א הויקער.

א מויד מיט א הויקער מאכט זארג ערב ובוקר.

א הויקער האט קורצע הענט און לאנגע פיס.

אלע הויקערס זיינען קרום, נאר דער הוקר רגליך |וואר:
שלמה המלכס הוקר| איז גלייך |ווארטשפיל:
הויקער - הוקר |הויקאר|, פון משלי, כ"ה - יז:
הוקר רגליך מבית רעיך - תי: מאך דיין פוס זעלטן אין הויער
פון חבר |...|".

ה ו י ק ע ר ד י ק - אדי/אדוו.

1. מיט א הויקער.

% א הויגערדיקער רוקן.

1924 " ביים ים זיצן באבעס און זיידעס אויך,// און גרוי
2445 ווי שטיינער זענען זיי,// און מיטברילן אויף די אויגן,
און הויקערדיק |...|".

מ.ל. האלפערן, 1, 298.

1962 " קלעזמער ארעמע אין יוכטענע שטיוואלעס,// אלט און
2439 הויקערדיק, ווי קארטשעס אויסגעקרימטע |...|".

גראדע, 5, 17.

2. אויסגעפוקלט, א יסגעבויגן, אויסגעקרימט, ווי א הויקער.

% הויקערדיקע בערג. א הויקערדיקער בוים.

1888 " |...| מיט דער דאזיקער קאפעליע |...| האט געארבעט

2443 געטריי א הינקענדיקער, |...| א הויקערדיקער

אויסגעדינטער טאפטשאן |...|".

מענדעלע, 3, 207.

1926 " די שווארצע קאץ, וואס |...| דרימלט, כאפט זיך אויף,

2444 |...| שטעלט אויף א הויקערדיקן רוקן |...| און נעמט זיך|ציע|".

אפאטאשו, 5, 118.

1956 " |...| געדיכטע ברעמען זענען כמארנע אראפגעהאנגען

2444/1 איבער זיינע אראפגעלאזטע אויגן. בלויז זיין הויקערדיקע

נאז האט ארויסגעשטארטשעט פון זיין האריקן פנים |...|".

באשעוויס, 5, 321.

ה ו י ק ע ר ד י ק ײ ט - <u>די, בא.</u> אײגנשאפט צו זײן הויקערדיק,

562 ה־

ה ו י ק ע ר י ן - די, =ס. א פרוי/מיידל מיט א הויקער.

1964 "|...| איר לערנען אין בערן און אין פעטערבורגער

2448 אקאדעמיע האבן איר אלע מוכל געווען נאר דערפאר,

וואס זי איז, נעבעך, א הויקערין".

בערגעלסאן, פער 190, 44.

ה ו י ק ע ר ן – טרוו. אויסבייגן, אויסקרימען, ווי א הויקער.

% הויקערן דעם רוקן. געהויקערטע הייזלעך.

1927 " צו א גרויסן הונט א שווארצן // וועל איך דעמאלט
2455 ענלעך זיין.// הויקער דו אויף מיין נשמה,// אומעטום
אין לבנה=שיין".
מ.ל. האלפערן, 2, 214.

1943 " מחמת פארלעגנהייט האט ער עטוואס געהויקערט די
2455/1 צעוואקסענע פלייצעס |...|".
נח לוריע, 5, 46.

1961 " |...| אירע פלייצעס הויקערט זי דא גאנצע שעהן
2454 מיט סבלנישער גרייטקייט".
בערגעלסאן, 17, 691.

## הויקערן זיך - **אוטוו.**

1. אויסבייגן, אויסקרימען דעם רוקן.

% פון שטענדיק זיצן איינגעבויגן האט ער אנגעהויבן זיך הויקער)."

1929 " דער יונגער אינזשעניער האט זיך פריילעך געהויקערט

2458 און זיך געבויגן איבערן טיש |...|".

בערגעלסאן, 9, 138.

1972 " |...| דאס פנים דאר, די פלייצעס הויקערן זיך".

2459 גראדע, פער 69, 3/IX.

2. (פיג) אויסבייגן זיך, אויסקרימען זיך, אויספוקלען זיך, ווי א הויקער.

|1931-1926| " |...| ס׳קיכפייער האט נישט דערגרייכט די

2462 ווינקלען פון שטיבל, ווו פינצטערניש האט זיך געהויקערט".

אפאטאשו, 14, 69.

1956 " עס האבן שאטנס זיך פון זיי געהויקערט אויפן דיל,

2469 און הויקערדיק באלאגערט האבן זיי די סטעליע |...|".

מארקיש, 11, 498.

ה ו י ק ע ר = ס ע מ ע ן - דער, =ס. "אקראיעץ"

2451 (ערשטע רעפטל פון א ברויט" |קטור|.

רעד: וואס מיינט "סעמען"? אויפן קארטל גיט מען דאס [illegible]

ווארט ווי א טייטש פון רוסישן ווארט

ה ו י ק ע ר ע וו א ט ע - <u>אדי</u>. א ביסל הויקערדיק,
מיט א נטיה צו הויקערדיקייט.

1923 " |...| נאך איר האט זיך נאכגעשלעפט א בלייך

2447 אפגעמארעט יינגעלע, א <u>הויקערעוואטע</u>, מיט אן אפגעבליאקעוועט
שפאניש יארמיקל ביז איבער די אויערן אראפגערוקט |...|".

<u>א.צ. גרינבערג, 98,2 .</u>

ה ו י ר א - די, =ס.

1. א ישראלדיקער פאלקסטאנץ, דזוו הארא.

569 ה־

ה ו י ר ע – די, =ס. (רעג. באסאראביע)

" א טאנץ, וואס מע פלעגט טאנצן אויף חתונות ביי יידן איך באסאראביע און זיכער איך די ארומיקע קאנטן".

|קטוו. י. מאניק|.